בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס ל"ד, ויקרא (זכור) - צו, תשע"ט

# תוכן השיעור

'מה חמית, מה פשפשת'?!
'כולא במחשבה איתבררו'
"ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן"?!
'רבי לייב טראסטינעצער ז"ל'
'עליונים נדמה להם למטה'
'בדרך שאדם רוצה לילך'...
'זכאה מאן דעייל ונפיק'
"פונעם אמת וועל איך נישט אראפ"!
'אבידה שאינה חוזרת'
'אחד היה אברהם'...
'השמעת ממני דברי מוסר'?!
'אשר בך אתפאר'...
'דרי מעלה - דרי מטה'
'נקודת החבר'
'במקום שבעלי תשובה עומדים'
"קבלת התורה - קיום התורה"
'ישמע בזיונו ידום וישתוק'
'רבי הירש ווייסליב ז"ל'
אויב 'חסידות' - איז 'ברסלב'...
'רבי אברהם דזארגובסקי ז"ל'
'חבל על דאבדין'...
'רבי ישראל כהן ז"ל הי"ד'
"מיר האלטן פארמאכט דאס מויל"...
"דרך הבעל שם טוב"!

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה; **0330-3900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 34**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ~ פרשת תצוה, ז' אדר, תשל"ד ~

(טייפ מס' 24#)

## 'מה חמית, מה פשפשת'?!

(חסר ההתחלה, מדבר מ"רבי לייב טראסטינעצער", חותנו של רבי יודל מ'דאשוב תלמיד רביז"ל)[א] - די וועלט ווייסט נישט פון איהם, מיר ווייסן ס'איז געווען - רבי יודל'ס שווער.

(הבעל שם טוב אמר פעם אחת על עצמו;) **"ער קען נישט מבטל זיין** (איזה גזירה), **ער מוז זיך מצרף זיין מיט איהם"!** זייביידע צוזאמען (- הבעל שם טוב עם רבי לייב) וועלן קענען מאכן! (עי' להלן).

ער איז געווען געוואלדיג גרויס, עפעס א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש געווען! געוואלדיג געווען דער רבי לייב!

*

און אז מ'איז אַן איידעם ביי אזא מין שווער, זעהט מען זיך אָן מיט 'צדקות', מיט 'קדושה'! (הכוונה על חתנו רבי יודל הנ"ל), און ער איז געווען א תלמיד ביי רבי פנחס קאריצער![ב] ער איז געווען א געוואלדיגער גרויסער מענטש, א הימל מענטש, א הימל מענטש!

ער איז געקומען צום רבי'ן, דער רבי איז דעמאלטס אלט געווען "צוויי-דריי און צוואנציג יאר", עטליכע יאר פאר ארץ ישראל, דער רבי איז אלט געווען "זעקס אין צוואנציג יאר" (- ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל), קומט אוים "צוויי-דריי און צוואנציג יאר" (בעת שנתקרב אליו רבי יודל).

קומט א מענטש, עלטער פונעם רבי'ן, מיט פופצן-זעכצן יאר עלטער, און א תלמיד ביי רבי פנחס קאריצער, ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, מיט וואס קען ער ווערן מקורב צום רבי'ן? וואס פעהלט איהם?! ער איז געווען א הימל מענטש! א מענטש

---

[א] עי' אודות רבי לייב זצ"ל בחיי מוהר"ן אות תרי"א.

[ב] עי' חיי מוהר"ן אות תר"י ותרי"א.

וואס איז מטייל אין גן עדן אין די אלע היכלות! און ער קומט אריין, ער וויל מקורב ווערן! מיט וואס קען ער איהם מקרב זיין?! אויב ער וועט איהם נישט ווייזן, וועט ער נישט ווערן מקורב, ער מוז דאך איהם געבן עפעס א נייעס! ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן.

עס שטייט טאקע,[ג] אז ביים אנהויב אז ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן, איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן טאקע אזוי ווי ס'קומט אריין א גדול צו א גדול, ער איז נישט אריינגעקומען אזוי ווי איינער דארף ווערן מקורב, (ער האט געזאגט); "יורינו רבינו דרך לעבודת השם"! דאס איז אזא לשון - וואס ס'איז נישט קיין לשון וואס קומט אריין איינער וואס ער וויל ווערן מקורב צום צדיק, "יורינו רבינו דרך לעבודת השם", האט דער רבי איהם געגעבן אווארף אראפ; "לדעת בארץ דרכך"?! "דו ליגסט אין ארציות - ווילסטו וויסן א דרך אין עבודת השם"?!

(לכאורה קשה) - רבי יודל ליגט אין ארציות?! נאר מיט קיין אנדער וועג האט דער רבי איהם נישט געקענט מקרב זיין!

און דער רבי האט געגעבן אויף איהם א קוק - עס שטייט דאך שוין געשריבן זיין התקרבות[ד] - האט ער באקומען פחד פונעם רבי'ן, ער האט זיך אפגערוקט, ער האט זיך דערשראקן פאר'ן רבי'ן, זאגט איהם דער רבי; "וואס האסטו זיך אזוי דערשראקן?! איך בין א מענטש גלייך מיט דיר! איך בין נאר 'חכם יותר ממך' - איך בין קליגער מער פון דיר"!

דער רבי האט איהם אנגעהויבן צוציהען צו זיך, האט ער ווייטער געגעבן אויף איהם א קוק, האט ער ווייטער דערשראקן זיך - און ער איז געווארן מקורב!

פארשטייט מען, אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - האט ער אנגעהויבן צו זעהן אז ס'איז עפעס אזא מין לעבטיגקייט אין דאווענען אין לערנען, און אין דביקות צום אויבערשטן, וואס ער האט פריער נישט געזעהן! דערמיט האט ער איהם מקרב געווען!

*

[ג] עי' שיחות הר"ן אות רצ"ב, וכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

[ד] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ב והלאה.

עס שטייט טאקע אין זוהר,[ה] אז ס'איז דא א בחינה פון "מה", זאגט דער זוהר הקדוש - אז דער מענטש גייט העכער העכער, אויבן ווייזט מען איהם; "מה? וואס ווייסטו?! דו ווייסט נאך גארנישט"! דאס איז אינגאנצן זיין התקרבות, אז ער קומט דא אהער און מען זאגט איהם; "מה"? וואס האסטו געזעהן?! "מה חמית מה פשפשת"?! דאס איז דאס התקרבות פון די צדיקים!

דער רבי האט אנדערש נישט געקענט מקרב זיין רבי יודל'ן, נאר איהם ווייזן "מה", - "וואס האסטו געזעהן?! דו האסט נאך גארנישט פארזוכט אפילו"! "מה חמית? וואס האסטו געזעהן? וואס האסטו דא?! דו מיינסט דאך שוין דו האסט עפעס"?!

אזוי איז דער צדיק מקרב די קלענערע צדיקים, ער איז נאר מקרב דערמיט אז ער ווייזט זיי, "איר ווייסט דאך נאך גארנישט"! נישט - (סתם ער זאגט זיי, נאר -) ער ווייזט זיי טאקע! זיי זעהען טאקע אז זיי זענען נאך (ווייט), געוואלד – זיי זעהען אזא מין דביקות צום אויבערשטן! דאס איז א געוואלד!!

* * *

# 'כולא במחשבה איתבררו'

דער רבי האט גערעדט דארטן אמאל מיט זיינע מענטשן, אז מען דארף ארײנלייגן די כוחות אין דאווענען, האט ער זיי גע'מוסר'ט: "**פארוואס לייגן זיי נישט ארײן די כוחות אין דאווענען**"?![ו] - - -

(השואל; וואס מיינט דער רבי "ארײנלייגן כוחות" א חוץ די 'מחשבה' - די הענט די פיס?! וואס איז שייך?!) די "כוחות אין דאווענען" הייסט - "דביקות השם"! ביי "**אליך ה' נפשי אשא**",[ז] זאגט רש"י "**אכוון לבי**"!

דער ענין פון "כוונה", ס'איז דא אלפים ורבבות (- מדריגות) אין דעם ענין פון כוונה! די ערשטע כוונה איז - איך זאל זיך צוהערן וואס איך רעד, דאס איז די ערשטע

---

[ה] הקדמת הזוהר דף א' ע"ב, ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא סוף אות ו'.

[ו] עי' שיחות הר"ן אות קכ"א, ועי' סיפור המלא בשיח שרפי קודש ח"ב אות קנ"ט.

[ז] תהלים כ"ה א'.

כוונה![ח] און די אנדערע כוונה איז - מעמיק זיין דער מחשבה אין דער זאך, און נאך און נאך און נאך!

אין דעם ענין פון "דביקות המחשבה - כוונה" איז שוין דא אלפים ורבבות מדריגות, אזוי דבוק אינעם אויבערשטן אזוי ממש – "התפשטות הגשמיות"![ט] אבער הייבן הייבט ער זיך אן פראסט (- כפשוטו), ס'ווערט מכונה בשם "מחשבה"!

*

ס'איז דא א לשון "כולא במחשבה אתבררו", ס'איז א לשון אין זוהר הקדוש;[י] "כולא במחשבה אתבררו", דער גאנצער בירור איז נאר אין די 'מחשבה'!

פארוואס? איז פשט; ביי יעדעם איינעם איז "במחשבה אתבררו", ביי דעם איז "במחשבה אתבררו" - "**טראכט נישט קיין שלעכטס**"! ביי דעם איז "במחשבה איתבררו" - "**טראכט גוטס**"! ביי דעם איז "במחשבה איתבררו" - "**טראכט העכער, און נאך העכער, נאך העכער**"! אלץ, דער גאנצער "בירור", דער חילוק פון דעם – ווענדט זיך אלץ אין דער "מחשבה", האבן שענערע מוחין![יא]

מען האט געלערנט; "**מוחין של חוץ לארץ, מוחין של ארץ ישראל**"![יב] ס'איז דא 'שענערע מוחין'! 'העכערע מוחין'! וואס דער מענטש איז זיך מער מדבק צום אויבערשטן - האט ער העכערע מוחין, האט ער העכערע דביקות, העכערע מוחין!

דאס איז זיין התקרבות פון דעם 'צדיק'! (על ידי שמראה לו שהוא עדיין רחוק, כנ"ל), ער קען דאך נישט – מיט וואס וועט ער איהם מקרב זיין? ער איז דאך ווייט פון אלע תאוות, ער איז דאך ווייט פון אלע נארישקייטן, ער איז דאך ווייט פון אלע כבוד'ן, ער איז דאך פון דעם אלדינגס ווייט!

---

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קכ"ו, ובשיחות הר"ן אות ע"ה; ... וְאָמַר שֶׁעִקַּר שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה הוּא בָּרוּךְ אַתָּה ה' וְכוּ' וְכוּ' כִּפְשׁוּטוֹ, וְזֶה עִקַּר כַּוָּנַת הַתְּפִלָּה, שֶׁיְּכַוֵּן פֵּרוּשׁ הַמִּלּוֹת, וְיִשְׁמַע הֵיטֵב מַה שֶּׁהוּא אוֹמֵר...

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ד' אות ט'; וְזֶה בְּחִינַת הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת ... שֶׁלִּפְעָמִים נִתְלַהֵב אָדָם בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְאוֹמֵר כַּמָּה תֵּבוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, זֶה בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו, שֶׁנִּפְתַּח לוֹ אוֹר אֵין סוֹף וְהֵאִיר לוֹ ... ועי' תו' נ"ה אות ד'.

[י] עי' זוהר פקודי דף רנ"ד ע"ב, ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' רי"א, ועוד.

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ט אות א' [ושם אות ד' בביאור מוהרנ"ת], ובליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' אות י"ט כ"ב צ"א.

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"א תניינא.

ווי האבן זיי געזאגט די עדת קורח; **"כל העדה כולם קדושים ובתוכם השם"!** ס'איז ריכטיג געווען, אבער זיי האבן נישט געהאט קיין 'ביטול'! ווען זיי זאלן ווען צוגיין צו משה רבינו - אזוי ווי ס'איז צוגעגאנגען 'יהושע', אזוי ווי ס'איז צוגעגאנגען 'כלב', און אזוי ווי ס'איז צוגעגאנגען די 'אלע צדיקים' וואס זענען געווען משה'ס תלמידים, וואלטן זיי געזעהן אז משה איז עפעס אנדערש!

נאר זיי זענען צוגעגאנגען מיט א חוצפה, מיט אן עזות - "מדוע תתנשאו", דעמאלטס קען מען גארנישט רעדן מיט זיי, האבן זיי טאקע געהאט א מפלה, זיי האבן איינגעזונקען אינגאנצן, זיי האבן אינגאנצן געוואלט אויסרייסן, אינגאנצן די – (תורת משה).

רבי נתן רעדט עס דאך אין א הלכה, אינגאנצן דארטן - - - [יג]

*

דאס איז אינגאנצן דער 'געוואלד', אז דער מענטש דאכט זיך איהם - - -

אזוי ווי ער האט א 'בקיאות' בשעת ער ליגט אינעם חושך - אז ער זאל ארויס פונעם חושך, דארף ער אויך האבן א געוואלדיגע (- בקיאות) אז ער טוהט עפעס אין אידישקייט, זאל ער וויסן אז - (ער איז נאך גאנץ ווייט)!

ער איז אין א געוואלדיגע סכנה, טאמער וועט ער מיינען אז "דאס איז דאס" - איז ער אפגעשטעלט! איז ער פארטיג! איז ער אין א געוואלדיגע סכנה.[יד]

*

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, עס שטייט אינעם "נועם אלימלך",[טו] דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט; אז דער שער לה' איז - זאגן **"פתחו לי שערי צדק"** - "עפען מיר אויף דעם טויער"! - דאס איז דער שער לה'!

---

[יג] עי' ליקוטי הלכות ברכות הודאה ה' אות ח', הל' שבועות ב' אות כ', ובאריכות בהל' שילוח הקן ד' מאות ט' והלאה, וז"ל שם; ... וְעַל כֵּן בְּוַדַּאי אֵין לְהַעֲרִיךְ וּלְהִדָּמוֹת שְׁאָר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַף עַל פִּי שֶׁכֻּלָּם קְדוֹשִׁים, כְּנֶגֶד רַגְלֵי משֶׁה וְאַהֲרֹן, וַאֲפִלּוּ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאֲמִתִּיִּים אֵין לָהֶם לְהַשְׁווֹת עַצְמָן לְמשֶׁה וְאַהֲרֹן שֶׁזָּכוּ לְמַה שֶּׁזָּכוּ, וְקֹרַח פָּגַם בָּזֶה וְאָמַר, כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדוֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה' ...

[יד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ג; ... כִּי אִם יַחֲשֹׁב וִידַמֶּה בְּדַעְתּוֹ שֶׁכְּבָר נִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְיוֹדֵעַ בִּידִיעוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֶה סִימָן שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלוּם ... ועי' בליקוטי הלכות הל' שילוח הקן הלכה ה' באריכות.

[טו] עי' נועם אלימלך בליקוטי שושנה, ד"ה פתחו לי שערי צדק.

סזיי (- הצדיקים) זאגן כסדר "פתחו לי" – "עפען מיר דער טויער!" "עפען מיר דעם טויער!" דער 'עפענען דעם טויער' האט נישט קיין שיעור, "עפען מיר אויף", זיי ווילן פילן מערער חיות אין דאווענען, מער חיות אין די אותיות התורה, זיי ווילן זיין מער דבוק אין אויבערשטן, "עפען מיר אויף א טויער, איך וויל דאך"! – אט דאס איז דער שער לה'!

טאמער מיינט ער אז מען האט איהם שוין געעפענט - דאס איז נישט קיין שער לה'! ער דארף תמיד נאר - (ווען מער און מער).

*

## "ווי קען מען זיין אזוי ווייט פון א רבי'ן"?!

דאס איז געווען דאס התקרבות וואס ס'איז מקורב געווארן "רבי יודל" צום רבי'ן! דער רבי האט איהם געעפענט דעם טויער, ער האט געזעהן אז ער איז נאך גארנישט - טאקע "מה"!

ער איז דאך געווען א מפורסם - איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, "רבי שמואל אייזיק" איז געווען זיינער א תלמיד, און "רבי בער" (מ'טשעהרין), ער האט געהאט תלמידים! ער האט געהאט תלמידים "צדיקים"! - אין דאשוב, ער איז געווען א מפורסם מיט 'תלמידים'.

נאר ער האט געזעהן א שינוי לטובה אין זיינעם א תלמיד - אין רבי בער'ן - האט ער געזעהן א שינוי לטובה, דארטן, א שינוי פון "יראת השם" אויף זיין פנים מערער, האט ער געזעהן אז דאס איז עפעס א נייע התחדשות פון יראת השם! איז ער אזוי נתעורר געווארן – דאס איז אן אמת'ער צדיק – אזוי נתעורר געווארן, ער האט אוועקגעווארפן אינגאנצן זיין רבי'סטעווע און ער איז אוועקגעפארן צום רבי'ן![טו]

פון 'דאשוב' פארן קיין 'מעדוועדיווקע' דאס איז א ווייטע נסיעה! מען איז געפארן מיט די 'פיר' (עגלה), דאס איז אסאך אסאך, נאך ווייטער ווי פון אומאן, נו אזא מענטש?!

איז ער געקומען צום רבי'ן, נו, האט ער שוין דערזעהן ווער דער רבי איז, איז ער אפגעווען "זעקס וואכן" ביים רבי'ן - ביים אנהויב התקרבות איז ער געווען זעקס

[טו] עי' כל זה בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ט - כ"ב.

וואכן ביים רבי'ן, און אלע טאג אריינגעגאנגען צום רבי'ן, און ער האט גערעדט מיטן רבי'ן, אזא מענטש איז דען שייך?! ער זוכט דאך עפעס! ער וויל דאך עפעס!

און נאך די זעקס וואכן האט ער געזאגט; "ווי קען מען זיין **אזוי ווייט פון א רבי'ן"?!** האט ער אוועקגעווארפן 'דאשוב', און ארויסגעקומען קיין 'מעדוועדיווקע', געוואוינט צוזאמען אין איין שטאט מיטן רבי'ן**!**[יז]

**נו, דאס הייסט התקרבות צו א צדיק!**

*

דאס איז געוועזן ביי דעם "רב ובן יחיד"[יח] וואס דער 'בן יחיד' - מען האט גערעדט פריער - דער 'בן יחיד' האט געדאווענט און געלערנט, און ער האט נישט געפילט קיין 'טעם'! ער האט נישט געפילט קיין 'טעם'! מיר זענען אזוי ווייט דערפון, מיר ווייסן גארנישט וואס הייסט דער לשון **"ער האט נישט געפילט קיין טעם"**.

ממש אזוי ווי דוד המלך זאגט; **"כמו חלב ודשן תשבע נפשי, ושפתי רננות יהלל פי"**, אזוי ווי א 'פעטע מאכל' זעט איך זיך אָן - אזוי 'שפתי רננות יהלל פי'! אז איך רעד צו דיר 'תורה' 'תפילה', איז דאך אלץ "שפתי רננות", אזוי זאל איך האבן - אזוי ווי מען (עסט) **א געשמאקע מאכל!**

נו, ס'האט דאך נישט קיין שיעור, דאס איז אינגאנצן די עבודת השם פון די צדיקים, **זיי זאלן פילן מער חיות!**

אזוי ווי ער האט געזאגט "רבי שמואל אייזיק"; **אז ער זאלן וויסן אז ער האט היינט דעם אייגענעם "שמע ישראל" וואס נעכטן** - (איז זיין לעבן איהם נישט ניחא)!**[יט]** - דאס איז אינגאנצן זייער חיות.

*

---

[יז] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"א, ואות תרי"א.

[יח] ספר סיפורי מעשיות, מעשה ח'.

[יט] עי' שיח שרפי קודש ח"ג אות קע"ג.

דער רבי זאגט אין די תורה פון "ואת הערובים";[כ] די "זקני הדור - **כשאין בהם שלימות**"! דער רבי רופט זיי אָן 'זקני הדור', איז עס דאך צדיקים! וואס הייסט "כשאין בהם שלימות"? נאר זיי זענען נישט "**מוסיף אור קדושה ודעת בכל יום**"!

ס'איז דען עפעס סתם א ווערטל אויסרעדן? - "אלע טאג האבן מער קדושה, מער דעת"! אויב מען ווערט עלטער מיט א טאג - און מען ווערט נישט עלטער מיט 'קדושה ודעת' - רופט זיך עס אָן "זקני הדור כשאין בהם שלימות"!

און דער רבי זאגט דארטן, אז דער "מצח הנחש" האט א 'יניקה' פון די 'זקנים'! איז עס דאך א געוואלד! נו, און די צדיקים - (ווילן כסדר נאר מוסיף זיין קדושה ודעת).

אז "רבי יודל" איז געווארן מקורב צום רבי'ן - "אט דאס איז דער" (- צדיק, שיכול להעלותו יותר בכל פעם) - בשעת "רבי פנחס" האט געלעבט, האט איהם רבי פנחס געזעהן (להעלותו יותר), 'רבי פנחס קאריצער'!

אז רבי פנחס איז נפטר געווארן, איז ער אליין געווארן א 'רבי', אבער אז ער איז געקומען צום רבי'ן - דער רבי האט איהם געעפענט די אויגן, ער האט געזעהן אז טאקע ממש "מה! וואס האסטו? וואס?! וואס האסטו געפילט?! דו ביסט נאך ביי גארנישט"!

און דאס וויל ער דאך! ער וויל דאך מען זאל איהם ווייזן דאס!

*

# 'רבי לייב טראסטינעצער ז"ל'

און זיין שווער "רבי לייב (טראסטינעצער)", רבי לייב איז געווען א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש! (השואל; ער איז געווען בזמן הבעל שם?) יא יא!

איך האב געזעהן א בריוו - ס'איז עפעס א גרויסע גזירה געווען אויף אידן, עפעס א געוואלדיגע גזירה - קעגן ביטול תורה, האט דער בעל שם הקדוש געזאגט "ער קען נישט מבטל זיין די גזירה, נאר ער מוז זיך מצרף זיין מיט רבי לייב טראסטינעצער"! ער מוז איהם נעמען, מיט איהם צוזאמען וועט ער קענען מבטל זיין די גזירה![כא]

---

[כ] ליקוטי מוהר"ן תו' ד' תניינא אות ח'.

[כא] עי' שיח שרפי קודש ח"ג אות תרי"ט, וקונטרס 'טעם זקנים' כ"ב - הילולת רביז"ל תשכ"ט.

ער איז געווען א הויכער סארט מענטש, עפעס זיין קדושה איז געווען געוואלדיג גרויס, עפעס א קדוש איז ער געווען, עפעס א געוואלדיג אין עניני קדושה - געוואלדיג גרויס געווען!

און ער איז געווען אן ארימאן, טאמער ער איז ארויסגעפארן (אויפ'ן וועג) איז ער געפארן נאר מיט זיינע "פעדערן", ער איז נישט געפארן מיט קיין אנדערע קישן – נאר זיינע פעדערן, מחמת רוב קדושה! און ער איז געווען א ארימאן, איז געווען צוריסענע קישעלעך, איז געפלויגן די פעדערן - אן ארימאן.

פלעגט ער אריינקומען אמאל צו "רבי ברוך'לען", און אין א ערב סוכות איז ער אריינגעקומען אמאל - איז ער אריין גלייך אין די סוכה, און ביי רבי ברוך'לען איז געווען 'נוי סוכה' א געוואלדיג! דאס נוי סוכה איז געווען גאר – א געוואלדיג די נוי סוכה, און ער איז געגעבן א גיי אריין מיט די פעדערן, און אנגעפולט מיט די פעדערן די סוכה, און דער שמש קומט אָן, (וחשב לעצמו;) עס וועט אריינקומען רבי ברוך'ל - וועט ער איהם גלייך פסק'עווען, ער וועט איהם גלייך געבן אן עונש!

"רבי ברוך'ל" איז געגעבן א קום אריין, זאגט ער '**נוי סוכה'?!** (בתמיה, כלומר) נוי סוכה – די פעדערן פליען?! זאגט ער (רבי לייב); "אט דאס איז נוי סוכה"! נוי סוכה, נוי סוכה!

האט ער שוין געזעהן וואספארא פעדערן דאס איז, אז ס'איז יא נוי סוכה!

*

נו, מען זעהט דאך, אז מען איז אַן איידעם ביי אזא מין סארט צדיק, און ער אליין (רבי יודל) איז אויך א הייליגער מענטש, זעהט מען דאך עפעס קדושה, זעהט מען דאך עפעס!

עס שטייט דארטן אין א תורה פון "זומם רשע לצדיק", תורה צ"ו, זאגט דארט דער רבי, '**דע כי יש קבלה בידי**',[כב] ברענגט דער 'פרפראות'[כג]; אז דאס איז געווען

[כב] ז"ל שם; דַּע, כִּי יֵשׁ קַבָּלָה בְּיָדִי, כִּי כְּשֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת עַל אֵיזֶה צַדִּיק, נוֹפֵל מַחֲשָׁבָה זָרָה מֵעֵין אוֹתָהּ מַחֲלֹקֶת לְצַדִּיק אַחֵר, וּמֵחֲמַת שֶׁרוֹצֶה לְהַעֲלוֹתָהּ, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מַעֲלֶה אוֹתָהּ, מְשַׁבֵּר בְּכֹחַ הָרָצוֹן כָּל בַּעֲלֵי הַמַּחֲלֹקֶת.

[כג] ספר פרפראות לחכמה, ביאור על ליקוטי מוהר"ן, מהרב מ'טשעהרין זצ"ל.

"רבי לייב" - נאך זיין הסתלקות איז עס שוין געווען! ווארום רבי לייב איז נסתלק געווארן נאך אסאך פריער.

דער רבי ברענגט "בימינו"[כד] מיינט ער אויך רבי לייב'ן! דער רבי האט נישט געקענט רבי לייב'ן (בחיים חיותו), רבי לייב איז געקומען צום רבי'ן נאכ'ן הסתלקות, האט ער געזאגט דאס דאזיגע - "דע שיש קבלה בידי", און ער האט איהם געזאגט (דעמאלטס), "דער רבי זאל זעהן מקרב זיין זיינע קינדער צו זיך"!

ער ברענגט "וכן הוה"![כה] ער האט געהאט זיהן אויך - רבי לייב, זיי זענען אלע מקורב געווארן צום רבי'ן.

ער ברענגט דאס דער פרפראות, (קורא מכפנים); **"ובא לרבינו ז"ל לבקש ממנו שיקרב את בניו ויש בזה סיפור נפלא".**

איך האב געהערט פון "משה יוסף'ן", ער האט עס געהערט פון "רבי אברהם ר' נחמן'ס, האט ער מיר דערציילט, (השואל; ווער איז געווען "משה יוסף"?) ער איז געווען "נחום שוסטער'ס" אן איידעם, ער איז געווען א אינגערמאן, נאכדעם האט ער זיך גע'גט.[כו]

- האט ער מיר דערציילט, ער האט עס געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט, אז בשעת "רבי לייב" איז געקומען צום רבי'ן, האט ער איהם אזוי געזאגט; "רבי נחום (טשערנוביל'ער זצ"ל) **האט מיטגענומען מיט זיך דעם 'קרן', און די 'פירות' האט ער געלאזט אויף דא - האבן זיינע קינדער 'גדולה'! איך האב מיטגענומען אלדינגס, איך האב גארנישט געלאזט אויף דא - זאלט איר מקרב זיין מיינע קינדער צו זיך"!**

זיי זענען געווארן רבי'ס - רבי נחום'ס קינדער זענען געווארן רבי'ס, "און איך האב אלדינגס מיטגענומען מיט זיך, ווען מיינע קינדער נישט האבן קיין גדולה, זאלט איר זיי מקרב זיין צו זיך"! וכן הוה, ס'זענען מקורב געווארן די קינדער.

---

[כד] ליקוטי מוהר"ן תו' רי"ח; וּמִזֶּה הָיָה הִסְתַּלְּקוּת צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד שֶׁפִּתְאֹם רָצָה לִנְסֹעַ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְהוּא הָיָה בְּעַצְמוֹ יוֹדֵעַ מִזֶּה שֶׁהָיָה צָרִיךְ לְהַסְתִּיר אֶת עַצְמוֹ, וְנָסַע עַל הַמְּדִינָה וְהָיָה פִּרְסוּם גָּדוֹל, וְנִסְתַּלֵּק בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ, וְכֵן **אֵרַע** בִּזְמַנֵּנוּ בְּסָמוּךְ ה"י, עכ"ל. דמש"כ "וכן אירע בזמננו בסמוך", הכוונה על רבי לייב זצ"ל.

[כה] כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ג.

[כו] עי' שיח שרפי קודש ח"ד אות תקע"ד.

*

ברוך השם מיר דארפן נישט האבן קיין ראיות אויפ'ן רבי'ן, מיר האבן ברוך השם גענוג, דער רבי אליין איז אלעס! נאר פון די אלע זאכן, איז אלץ א ראי' דערפון אז דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן איז געווען אזוי פיל גרויס, אז דער רבי האט דאך געזאגט; ער וואלט געקענט ווייזן – [כז]

*

# 'עליונים נדמה להם למטה'

דער רבי זאגט אין די תורה ז' (תניינא) - היינט איז טאקע די הסתלקות פון משה רבינו - ס'האט א שייכות טאקע מיט די גמרא, די גמרא זאגט[כח] אז "קברו של משה - עליונים נדמה להם למטה, ותחתונים נדמה להם למעלה", האט מען געוואלט מאכן אי 'אויבן' אי 'אונטן', איז די פון אונטן האט זיך געדאכט אז ס'איז אויבן, און די פון אויבן האט זיך געדאכט אז ס'איז אונטן.

דער רבי טייטשט עס אין די תורה פון "כי מרחמם ינהגם"[כט] אז די 'עליונים' ווייזט דער צדיק אז זיי זענען 'אונטן', און די 'תחתונים' ווייזט ער אז זיי זענען 'אויבן'!

און וואס עפעס "קברו של משה"? (ללמד) אז דער 'קבר' האט אויך דעם אייגענעם כח! אזוי ווי 'בחייו' האט דער צדיק געוויזן, איז היינט דער 'קברו' ווייזט אויך דאס אייגענע, דער קברו של משה ווייזט אויך אזוי!

די וואס זענען אויבן - ווייזט ער אז זיי זענען גאר אונטן! פארוואס טאקע אזוי? דאס איז דאך א התקרבות! די 'עליונים' זיי דארף מען ווייזן אז זיי זענען אונטן - דערמיט איז ער זיי מקרב!

די 'תחתונים' דארף מען ווייזן אז זיי זענען 'למעלה', דערמיט איז ער זיי מקרב!

---

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ו; עָנָה וְאָמַר וכו', אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל, וְכֵן לְהֵפֶךְ אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ', וְנִכְנַס מִשִּׂיחָה זוֹ לְתוֹךְ שִׂיחָה הַנַּ"ל (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ח תניינא), וְגִלָּה כָּל הָעִנְיָן הַנֶּאֱמָר שָׁם מֵעִנְיַן בֵּן וְתַלְמִיד, מַה שֶּׁדָּרֵי מַעְלָה שׁוֹאֲלִים דַּיְקָא אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, וּלְהֵפֶךְ דָּרֵי מַטָּה אוֹמְרִים מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עַיֵּן שָׁם וְהָבֵן הֵיטֵב...

[כח] מס' סוטה דף י"ד ע"א.

[כט] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז', בסופו ד"ה וזה בחינת קבורת משה.

מיט יעדעם איינעם טוהט ער נאר ווי אזוי ער זאל איהם מקרב זיין, אויב איינער וועט מיינען אז ער איז 'אויבן', איז דאך אפגעשטעלט!

*

וואס מיינט דער רבי "**אם אסק שמים שם אתה**"? - אין די תורה פון "קרא את יהושע"[ל] - "אם אסק שמים" - זאלסטו וויסן אז ניין! "שם אתה" – 'דארטן' איז דער אויבערשטער! "גיי לויף, דאס איז נאך גארנישט"!

ווייטער - "**ואציעה שאול**" - זאלסטו וויסן אז "הנך" - "דער אויבערשטער איז מיט דיר, און ביי דיר, לעבן דיר"![לא] דער אויבערשטער וויל דיר, ער וויל דיר!

**דער צדיק קען נאר אויפוויזן יעדן איינעם - נאר באופן ער זאל איהם מקרב זיין!**

*

עס איז פארהאן אמאל וואס דער צדיק – ס'איז געווען טאקע דעם רבי'נס טאכטער "שרה'קע", זי האט באקומען א בריוו פונעם רבי'ן, אין קרימענטשוק, האט דער רבי געשיקט איר א בריוו מיט איינעם – מיט א שליח, האט זי געליינט דעם בריוו, און דער רבי האט איר זייער משבח געווען אין דעם בריוו; "**דו ביסט א הדס אין א מדבר, קיינעם איז אויף דיר קיין מבין נישט**"!

האט זי אזוי געליינט, און האט געוויינט! האט דער מענטש געפרעגט איר, פארוואס וויינט זי? אז דער רבי איז דאך אייך אזוי משבח?! (אמרה); **אז דער טאטע איז מיר משבח, ווייס איך שוין אין וואספארא ירידה איך בין, אזוי איז דער דרך פונעם טאטע'ן, דער וואס איז אין א ירידה דעם הייבט ער אויף!**[לב]

זי האט זיך נישט געלאזט נאַרן - "אז דער טאטע הייבט מיר אזוי אויף, ווייס איך אז איך בין איצטער אין א ירידה, דערפאר הייבט ער מיר אויף, אזוי איז דער דרך פונעם טאטע'ן"!

---

[ל] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ז'.

[לא] עי' בלקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' ובתו' ס"ח, וז"ל; ... כִּי צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לְמִי שֶׁהוּא לְמַטָּה מְאֹד בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה לְגַמְרֵי, שֶׁעֲדַיִן הוּא סָמוּךְ לַה' מַמָּשׁ, כִּבְיָכוֹל, וּלְעוֹרְרוֹ וּלְגַלּוֹת לוֹ: ה' עִמְּךָ, וְאַל תִּירָא וְאַל תְּפַחֵד וְאַל תֵּחַת, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ עִמְּךָ וְאֶצְלְךָ וְקָרוֹב לְךָ מַמָּשׁ, כִּי "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ" ...

[לב] עי' כל זה בחיי מוהר"ן אות תקפ"א - תקפ"ב.

*

(השואל; פארוואס האט זי געוואוינט אין קרימענטשוק? זי איז דאך געווען א שנור ביי "רבי לייב דובראוונער", רבי לייב האט געוואוינט אין קרימענטשוק?) **אוודאי אוודאי! ער איז געווען א דובראוונער, אבער וואוינען האט ער געוואוינט אין קרימענטשוק.** (השואל; דארטן גייט דער "דניעפער"?) **יא.**

(השואל; איך מיין אז דער רבי האט נישט אזוי געוואלט דעם שידוך?) **דער רבי האט 'גארנישט' געוואלט דעם שידוך!**[לג]

**נאר דעם רבי'נס זאך איז דאך אלץ געוועזן - דער רבי האט טאקע געזאגט "אני נצחתי ואנצח", אבער דאס איז אלעס אין הויכע סארטן זאכן, אבער אזוי - האט ער זיך נישט געוואלט שפארן זיך!**

**דער רבי איז געווען אין מעדוועדיווקע, האט רבי לייב געשיקט א שליח צום רבי'ן אז "ער וויל זיך מיט איהם משדך זיין"! רבי לייב האט זיך שוין געהאט פריער משדך געווען מיט אסאך צדיקים, ער איז געווען זייער רייך, האט ער געגעבן אסאך טויזענטער רענדלעך - האט ער געגעבן, און האט גענומען קינדער ביי צדיקים, האט ער געוואלט מיטן רבי'ן זיך אויך משדך זיין! האט ער געשיקט א שליח צום רבי'ן, "ער וויל זיך מיט איהם משדך זיין", און דער רבי האט 'ממאן' געווען אין דעם שידוך!**

(אחד שואל מאיזה עיר היה מוצאו?) **"דובראוונע", ס'איז דא א שטאט אין רוסלאנד, הייסט עס 'דובראוונע', דאס איז דארטן אין טיף רוסלאנד, 'ווייס רוסלאנד', אינעם געגנט פון 'מינסק' דארטן, אין יענעם געגנט!**

**מיר האבן געהאט חסידים פון 'דובראוונע' אויך,** (אחד הנוכחים; דער "רַב" - הבעל התניא - האט געשטאמט פון דארט?) **ניין, דער רַב איז געווען פון ליובאוויטש, ליובאוויטש איז אויך פון יענע 'קאנטען'** (סביבות)**, אויך פון ווייס רוסלאנד.** (השואל; "ראוונע" איז אויך דא?) **'ראוונע' איז דא אין פוילן, און ס'איז דא א 'ראוונע' אין אוקריינע, לעבן באברויסק, "רבי ישראל כהן" ליגט דארט אין ראוונע, א שטעטל לעבן באברויסק.**

*

[לג] עי' שיש"ק ח"ב אות קכ"ג.

# 'בדרך שאדם רוצה לילך'...

ס'איז איצטער אויך אזוי, אז דער אויבערשטער העלפט א מענטשן, אז מען גייט מיט די עצות פונעם רבי'ן, מען איז מקיים די עצות, און מען איז מקיים די אלע אזהרות, פירט דער רבי אויך אזוי - "ברחמנות", ער גיבט איהם אריין אין געדאנק - ער זאל כסדר וויסן אז "ער איז ווייט פונעם אויבערשטן", און "ס'פעהלט איהם", און "ער האט נאך גארנישט"!

און איינער ווייטער - אַן אנדערער (שאינו רוצה באמת להתקרב), "דו ווילסט אזוי"? נאַדיר - "דו ביסט, און דו ביסט, און דו ביסט", און שוין! אזוי ווי דער אויבערשטער - "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו",[לד] איז דער אמת'ער צדיק אויך! - - -

*

עס איז געווען פון פוילן - געקומען צו פארן צו אונז חסידים, און אוועקגעפארן פון רבי'ן, און - געווארן א רבי! ער איז געווארן א רבי!

וואס איז? ער האט געזעהן דארטן אין ליקוטי מוהר"ן גוטע זאכענישן, אין ליקוטי הלכות, און ער האט געקענט זאגן שיינע תורות שבת - שיינע תורות! און ער איז געווארן א 'רבי' אין פוילן!

"בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" - אזוי ווי דער מענטש וויל גיין, אזוי פירט מען איהם! דער מענטש וואס זיין התקרבות צום צדיק איז מיט אַן 'אמת', מיט א 'ביטול', ער מיינט מיט אַן אמת, פירט איהם טאקע דער אויבערשטער אזוי צו - אז דאס התקרבות איז טאקע מיט אַן אמת! און ער האט טאקע הנאה, און ער איז טאקע - (זוכה צו אמת'ע התקרבות)!

---

[לד] עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ד' אות י"ז; ... וְגַם בְּעִנְיַן עֲבוֹדַת ה' עַצְמוֹ יֵשׁ בְּעִנְיָן זֶה הַרְבֵּה לְדַבֵּר, כִּי בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ, וְאִם יִתְגַּבֵּר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ רְצוֹנוֹת וְכִסּוּפִין חֲזָקִים יוֹתֵר לַה' יִתְבָּרַךְ, יוֹלִיכוּ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ טוֹב וְקָדוֹשׁ בְּיוֹתֵר ... עַל כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִצְעֹק וְלִזְעֹק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, אוּלַי אוּלַי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי.

ועי' גם הל' תענית ד' אות ח'; כִּי זֶה כְּלָל, שֶׁבַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ, וּכְמוֹ שֶׁשּׁוֹאֲלִים אֶת הַצַּדִּיק כֵּן הוּא מֵשִׁיב, וּמִזֶּה בָּאִים כָּל הָעֵצוֹת הַמְקֻלְקָלוֹת שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁמֵּאֵת ה' הֵם, אוֹ שֶׁהַצַּדִּיק יָעַץ לוֹ כָּךְ, וּבֶאֱמֶת הַכֹּל מִמֶּנּוּ בְּעַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ וכו', עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל עַצְמוֹ בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד בְּתַחֲנוּנִים רַבִּים אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֶת הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת, שֶׁיָּשִׂימוּ לִבָּם הֵיטֵב עַל מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִמּוֹ, בְּאֹפֶן שֶׁיִּתְּנוּ לוֹ עֵצָה אֲמִתִּית וְנִצְחִית, שֶׁיַּצְלִיחַ עַל יָדָהּ לָנֶצַח בֶּאֱמֶת.

מיר האבן געזעהן אזעלכע מענטשן, וואס ממש ס'איז געווען – איך דערמאן זיך די צורה פון די עלטערע מענטשן, זיי האבן אזוי געשיינט! עלטערע אידן, אזעלכע לעכטיגע צורה'ס האבן זיי געהאט, דאס איז געווען א תמימות'דיגע התקרבות צום רבי'ן! נאר בדרך תמימות, די עבודה זיינע - אָן קיין שום ישות'ן, איז טאקע געליגן אויף איהם דער אור פונעם צדיק! ס'האט טאקע געשיינט - מיט א 'שמחה'![לה]

*

# 'זכאה מאן דעייל ונפיק'

מיר רעדן טאקע וועגן חברים, דאס איז אויך אן ענין טאקע, מ'זאל דערציילן און ארומרעדן דעם 'אמת' פונעם רבי'נס זאך, מען זאל זיך נישט אָפּנאַרן, דאס דארף האבן א געוואלדיגע בקיאות! דער מענטש דארף טוהן און טוהן און טוהן, און - וויסן אז ער איז זייער ווייט! צוריק ווידער - דארף ער וויסן ער דארף זיך מחזק זיין! נישט אראפפאלן ביי זיך!

דאס איז א בקיאות, ממש א געוואלדיגע בקיאות! דער רבי זאגט טאקע אין די תורה "קרא את יהושע", טאקע 'בקיאות', "בקי"! מען דארף טאקע א געוואלדיגע בקיאות, מען גייט אויף "צוויי וועגן", דא זאגט מען איהם 'אזוי', און דא זאגט מען איהם 'אזוי'!

*

דארטן (בליקוטי מוהר"ן) ווייזט זיך אויס אז ס'איז צוויי סארטן מענטשן (- דרי מעלה ודרי מטה), (אבער באמת -) אפילו ביי איין מענטש קען זיין! (- פעם כך ופעם כך).

---

[לה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ב תניינא בסופו; וּכְלַל הַיּוֹצֵא מִכָּל הַנַּ"ל, שֶׁמִּי שֶׁבָּא אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי וְשׁוֹמֵעַ מִפִּיו תּוֹרָה, רָאוּי שֶׁיִּמְשַׁךְ עָלָיו בּוּשָׁה וּשְׁפְלוּת גָּדוֹל מְאֹד, וְזֶה סִימָן שֶׁהָיָה אֵצֶל צַדִּיק אֲמִתִּי וכו', אֲבָל אֵין אָנוּ יוֹדְעִים כְּלָל מַהוּ שִׁפְלוּת אֲמִתִּי, כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה תַּכְלִית שֶׁיִּהְיֶה שָׁפָל וְנִבְזֶה וְעָצֵל, שֶׁקּוֹרִין רַע־מַזָּל (וּבְלַעַ"ז: שְׁלִים־מַזְלְנִיק) וכו', עַל־כֵּן צְרִיכִין רַק לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיַּעֲזֹר לִזְכּוֹת לַעֲנִיווּת וּשְׁפְלוּת אֲמִתִּי, שֶׁהוּא עִקַּר הַחַיִּים וְעִקַּר הַתַּעֲנוּג שֶׁל עוֹלָם הַבָּא כַּנַּ"ל.

ועי' גם חיי מוהר"ן אות תקל"ח; אָמַר עַל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁקָּשֶׁה לָהֶם שֶׁיָּרִימוּ אֶת עַצְמָן לְהַנְהִיג בְּרַבָּנוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת מֵחֲמַת שֶׁהִכְנַסְתִּי בָּהֶם אֱמֶת הַרְבֵּה יוֹתֵר מִדַּי.

ביי די 'מרכבה' שטייט "**והחיות רצוא ושוב**", דאס איז דאך ביי די מרכבה הקדושה, די חיות געבן א לויף - און מחמת פחד לויפן זיי קריק, זיי גיבן ווידער א לויף - און לויפן שוין ווידער קריק, "**כמראה הבזק**"!

קומט דאך אויס דארטן אין די תורה - אזוי ווי ס'רעדט זיך עפעס פון צוויי סארטן מענטשן! (אבער באמת) - ביי איין מענטש קען זיין די זאך! ביי איין מענטש - אין דעם טאג עטליכע מאל!

אין "יעדע רגע" דארף ער האבן א געוואלדיגן ישוב הדעת פאר'ן אויבערשטן! "**מען דארף דאך טוהן און טוהן און טוהן**",[לו] מען טאר דאך נישט זיצן ליידיג, מען דארף לערנען און דאווענען, און א איד דארף היטן דעם געדאנק, דארף ער דאך עפעס טוהן, פאלט ער דאך אריין אין עפעס - פאלט דאך עפעס אריין אין געדאנק אריין (שכבר זכה לאיזה עליה) - דארף ער שוין האבן דעם אנדערן בקיאות! דארף ער זיך ווארפן אהין און קריק!

*

"זכאה" - ס'איז א לשון אין זוהר[לז] - "מאן דעייל ונפיק"! א לשון פונעם זוהר - "**זכאה מאן דעייל ונפיק**"! ער קען אריינגיין - און ער קען ארויסגיין!

און דאס רעדט דער רבי דא,[לח] דער "עייל ונפיק", גיבט ער א פאל אראפ ביי זיך - דארף ער שוין האבן דעם בקיאות - "האלט זיך! פאל נישט אראפ ביי זיך! דער אויבערשטער וויל דיך נאך"!

מען קען געבן אזא פאל אראפ, און מיינען אז ער איז אינגאנצן פארטיג; "שוין, איך בין שוין אינגאנצן לאחר יאוש - אז אויף מיר קען אזוינס איבערגיין, אז אויף מיר קען זיך אזוינס קאכן! איך בין דאך א פארפאלענער, איך ליג דאך ממש אין שאול תחתית ומתחתיו"!

און שפעטער מיט א שעה - איז ער שוין ווידער א "עייל" - און ווידער א "נפיק"!

---

[לו] עי' שיח שרפי קודש ח"ב אות מ"ג.

[לז] זוהר פרשת ויקהל דף רי"ג ע"ב.

[לח] ליקוטי מוהר"ן תו' ו' שם.

אז מען טוהט אין אידישקייט, און מען טוהט אזוי, גייט איבער די דאזיגע! ביז ער ווערט שוין דארטן א קבוע (בעבודת השם) – גייט עס איבער די געוואלדיגע ירידות![לט]

אט גיבט ער איהם א כאפ ארויף אין דער 'עליה' - איז נאך 'שלא כסדר', ער גיבט איהם א ווארף אראפ אין דער 'ירידה' - איז 'שלא כסדר', און די כוונה איז מיט דער 'עליה שלא כסדר' - אויך די כוונה - ער זאל מיך אראפווארפן![מ] ער כאפט איהם ״צו הויך״, מיינט ער - איהם געבן באלד א ווארף אראפ קריק!

נו, דאס 'התקרבות', 'התקרבות' (צום צדיק) - דאס גיבט א כח! (- זיך צו קענען דערהאלטן).

*

״רבי נתן״ איז געווען - נאך איידער ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - איז ער געווען א איש צדיק, א גאון, אלעס! ער האט געזעהן אז דאס וואס איהם פעהלט - וואס איהם האט געפעהלט פריער - האט ער געזעהן אז וויפל ער איז געווען ביי צדיקים פריער, ער איז געווען ביי דער בארדיטשוב'ער רב, ביי אסאך צדיקים איז ער געווען, זיי האבן איהם נישט געהאלפן אויף זיין זאך!

אז ער איז געקומען צום רבי'ן, כאטש דער צדיק קען נישט ארויסרעדן אלדינגס, נאר ער האט געזעהן אז דא - ״דא וועל איך קענען קומען צו מיין זאך – וואס מיר פעהלט״!!![מא]

*

[לט] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ז' אות ע״ד; ... וְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיַּעֲבֹר עָלָיו כַּמָּה וְכַמָּה הַרְפַּתְקָאוֹת וְכוּ', שֶׁכֻּלָּם הֵם בְּחִינַת נִסְיוֹנוֹת וְצֵרוּפִים וַעֲלִיּוֹת וִירִידוֹת בְּלִי שִׁעוּר, וְכָל כַּוָּנַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְטוֹבָה וכו', וְצָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה זֹאת הֵיטֵב, בְּחִינַת בָּקִי בְּעַיִּל בָּקִי בְּנָפִיק, בְּחִינַת וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ וְכוּ' כַּנַּ״ל.

[מ] עי' ליקוטי מוהר״ן תניינא תו' פ״ב.

[מא] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר״ן אות ג'; וּמִיָּד בִּכְנִיסָתָם לַאַדְמוּ״ר זַ״ל דִּבֵּר עִמָּהֶם הַרְבֵּה ... וּמוֹהֲרַנַ״ת זַ״ל הֵבִין מִיָּד שֶׁבְּוַדַּאי יִהְיֶה לוֹ תּוֹעֶלֶת מֵאִתּוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּרְצוֹנוֹ הַטּוֹב כַּנַּ״ל.
ועי' כעי״ז בליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ד' אות י״ט; כְּשֶׁהָאָדָם מַתְחִיל לְהִשְׁתּוֹקֵק לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק אֲמִתִּי, אֲזַי הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ, הַיְנוּ שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו הַהֶאָרָה מִשֹּׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת הַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ וכו', וּמְסַיְּעוֹ בְּיוֹתֵר לְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת עַד שֶׁזּוֹכֶה לָבוֹא לְהִתְקָרֵב אֵלָיו, וַאֲזַי יִזְכֶּה עַל יְדֵי הַצַּדִּיק לֶאֱמוּנָה וְכָל טוּב כַּנַּ״ל.

# "פונעם אמת וועל איך נישט אראפ"!

און אזוי די אלע צדיקים - "דער טירהאוויצער מגיד" - א איד געווען קרוב צו די זיבעציג יאר, פון די אלטע צדיקים, און דער רבי איז דעמאלטס געווען נאך פאר 'ארץ ישראל', איז אויך - (כמו אצל רבי יודל הנ"ל) - דער רבי איז געווען א אינגערמאן פון עטליכע און צוואנציג יאר![מב]

אן אלטער צדיק פון זיבעציג יאר – א צדיק - און ער איז געווען שייכות מיט די תלמידי הבעל שם, געווים האט ער געקענט זיין ביי דעם בעל שם הקדוש, ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן אין די נו"ן'ס (- בשנות תק"נ), (און געבוירן איז ער נאך) אין די פ"א'ען (- בשנות ת"פ), איז ער נאך געווען פערציג יאר פאר די הסתלקות פונעם בעל שם הקדוש (שנסתלק בשנת תק"ך), פארשטייסט? איז ער דאך אוודאי געווען (- בזמן הבעל שם טוב), נאר 'וואס' און 'ווען' ווייסט מען נישט - מען ווייסט נישט צו ווען ער איז געווען מקורב, מען ווייסט נישט צו ער איז געווען ביים בעל שם, נאר ווערליג די יארן זיינע האט ער אוודאי געקענט זיין ביים בעל שם!

(השואל; נאך פאר'ן רבי'נס זאך איז ער געווען א חסיד?) יא יא! אז דער "רַב" האט גענומען פון איהם א הסכמה אויף זיין סידור![מג] און ער איז געווען א חבר מיט דעם גרויסן "רבי נחום" (טשערנוביל'ער), רבי נחום איז געווען א תלמיד ביים בעל שם הקדוש, רבי נחום איז געווען ביים בעל שם הקדוש!

- - - "רבי יקותיאל בן ר' אברהם", יא!

די ליובאוויטשער זאגן אונז - "אייער רבי'נס תלמיד זאל געבן אַן הסכמה אויפ'ן רַב'ס סידור"?! אבער אזוי איז דאס!

ס'איז דאך א געוואלדיגער פלא! ער איז געווען א געוואלדיגער 'איש מופת', און א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש, ער איז געווען א 'הימל מענטש', מיט וואס האט

---

[מב] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ד, וז"ל שם; הָרַב הַצַּדִּיק רַבִּי יְקוּתִיאֵל הַמַּגִּיד מִטִּירְהָאוִויצָא זְצוּקַ"ל, הוּא אֲשֶׁר זָכָה בְּיוֹתֵר מִכָּל הַמְפֻרְסָמִים שֶׁבְּדוֹרוֹ לְהַכְנִיעַ אֶת עַצְמוֹ תַּחַת אַדְמוֹ"ר זַ"ל, וְלַעֲמֹד לִפְנֵי הַדְרַת קָדְשָׁתוֹ בְּאֵימָה וָפַחַד, וְגַם הַרְבֵּה מֵאַנְשֵׁי מְקֹרָבָיו וְיוֹצְאֵי חֲלָצָיו נִתְקָרְבוּ עַל יָדוֹ לַאַדְמוֹ"ר זַ"ל.

[מג] מהדפו"ר של סידור זה לא נמצא בימינו שום עותקין.

ער געקענט מקורב ווערן צום רבי'ן? נאר מיט דעם שמועס וואס מיר רעדן דא (שהצדיק מראה לדרי מעלה שעדיין רחוקים וכו') – קען זיין!

אזא מין צדיק, א צדיק פון זיבעציג יאר וואס איז אזא מין קדוש, ער 'וויל' דאך מען זאל איהם ווייזן אז ער ווייסט גארנישט! ער וויל דאך מען זאל איהם דאס ווייזן! נו, ווער קען איהם ווייזן דאס? דארף דאך איהם ווייזן א "העכערער" פון איהם! ער איז געקומען צום רבי'ן, האט ער געזעהן! האט איהם דער רבי דאס געוויזן!

און אזוי איז ער געווארן – צוגעשטאנען צום רבי'ן – אז ער האט שוין געשריגן; **"איר פארבאהאלט זיך פאר אלע, און פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן! מען שיסט מיך און מען ראנעט מיך, צושאסן זאל איך ווערן - און פון דעם אמת וועל איך נישט אראפ"!**[מד] און ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן!

*

ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - ס'איז א געוואלדיגע זאך! ווי הערט מען דאס אין דער וועלט? אז א צדיק פון זיבעציג יאר זאל ווערן מקורב צו א אינגערמאן פון עטליכע אין צוואנציג יאר?! אפילו ביים "בעל שם הקדוש" איז דאס נישט געווען! דער "תולדות" איז געווען עלטער פונעם "בעל שם", אבער נישט אזוי פיל! אזוי פיל יארן?! דאס איז דאך שוין אנדערש געווען!

דעמאלטס – ס'האט זיך דאך אנגעהויבן דער עיקר חסידות פונעם בעל שם הקדוש - דאס איז דאך געווען דער 'מקור' פון חסידות, פריער איז דאך געווען נאר די גאונים, די גאונים פון די וועלט, און דאס (- המגיד מטירהאוויצע) איז געווען א צדיק וואס ער איז געווען שייכות אין די יארן, אפשר נאך פריער (טרם התפשטות דרך החסידות בעולם), און ער גיבט א גליטש צו - צו א אינגערמאן? גאר שפעטער מיט יארן?!

נאר וואס דען? דער 'אמת', ער איז געווען אן אמת'ער מענטש, אן איש אמת, ער האט געזוכט אמת!

---

[מד] כך התבטא פעם לפני רביז"ל בעת התקרבותו אליו, עי' שיח שרפי קודש ח"ו אות נ"ד.

**אזוי ווי די משנה זאגט; "איזהו חכם הלומד מכל אדם, שנאמר מכל מלמדי השכלתי",[מה] איך קוק נישט אויף ווער ס'איז! און אזוי איז מקוים געווארן; "כי עדותיך שיחה לי" - "די תורה רעדט צו מיר"! אז איך זעה ביי איהם א זאך וואס איך האב עס נישט - דארף איך לערנען פון איהם!**

**דאס איז געווען - ער האט געזעהן ביים רבי'ן אזעלכעס וואס 'ער' האט עס נישט! בין איך אַן אלטער איד - איך האב עס פארט נישט! אבער ביי 'איהם' איז דאך עס דא - איז ער געווארן מקורב!**

*

# 'אבידה שאינה חוזרת'

(השואל; ער האט געברענגט רבי נחום'ען צום רבי'ן?) **חילוקי דיעות איז דערינען דא,** (השואל; ער האט געוויזן דאס איז מיין רבי?) **"דאס איז מיין רבי"![מו] יא!**

(השואל; ווען האט רבי נחום געזאגט אויפ'ן רבי'ן "יפה עינים"?) **א מעשה געווען עפעס מיט א בעל עגלה, ער האט א שמיץ געגעבן, איז אראפגעפאלן[מז]** – (רבי נחמן בורשטיין ז"ל; אין מעדוועדיווקע איז דאס געווען?) **יא,** (ר' נחמן; ווי קומט רבי נחום דארטן?) **רבי נחום פלעגט פארן קיין מעדוועדיווקע אויך!**

**דער "רבי אפרים" - דעם רבי'נס שווער - איז געווען עפעס אזא מין סארט מענטש, אלע צדיקים פלעגן ביי איהם איינשטיין, כאטש ער איז נישט געווען קיין רבי, אלע צדיקים פלעגן ביי איהם איינשטיין - ביי דעם רבי אפרים'ן, און ממילא איז געווען אסאך צדיקים פון די תלמידי הבעל שם וואס פלעגן האבן א שייכות מיט דעם רבי אפרים.[מח]**

---

[מה] אבות פ"ד א'.

[מו] עי' שיש"ק ח"ג אות רל"ט.

[מז] המשך הסיפור בשיש"ק ח"ב אות רל"ז; בְּעֵת יַלְדוּתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ כְּשֶׁהִתְאַכְסֵן בְּבֵית חוֹתְנוֹ בְּאוּסַאטִין, הָיָה שָׁם פַּעַם הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָחוּם מִטְשֶׁרְנוֹבִּיל, וְרָאָה אֵיךְ שֶׁרַבֵּנוּ אָמַר עַל צִפּוֹר שֶׁנָּפְלָה מֵתָה מִמַּכַּת הַשּׁוֹט שֶׁל עֶגְלוֹן אֶחָד: "**אַתְּ שָׁוָה אֶת זֶה**" - "**דוּ הָאסְט דֶער וֶוערְד**", וְהִתְפַּלֵּא רַבִּי נָחוּם עַל זֶה, וְאָמַר אָז עַל רַבֵּנוּ שֶׁהוּא "**יְפֵה עֵינַיִם**" - הַנֶּאֱמַר בְּשִׁבְחַ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו-הַשָּׁלוֹם (ש"א, טז, יב).

[מח] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ה.

אזוי איז דאך געווארן דער שידוך טאקע - (פון רבי'ן), די צדיקים זענען איינגעשטאנען ביי איהם, האט ער געבעהטן "גיבט מיר עפעס איינעם פאר אַן איידעם", האבן זיי גע'שדכנ'ט דעם רבי'ן!

(השואל; מען ווייסט ווער?) פון די צדיקים דארט! איך וויים?! דער שידוך איז נאך געווארן פון דעמאלטס, יעדע זאך האט דאך א סיבה, האבן זיי גע'שדכנ'ט דעם רבי'ן!

ער איז געווען א געוואלדיגער מכניס אורח, די הכנסת אורחים איז געווען זייער גרויס - דער רבי אפרים.

(השואל; דער שידוך איז געווארן פריער?) אוודאי! נאך איידער דער רבינ'ס טאטע איז געבוירן געווארן - איז שוין געווען דער שידוך! אבער דאס איז א אנדערע זאך, צדיקים האבן דארטן זייערע זאכענישן, אבער פונדעסטוועגן - נגמר ווערט עס נגמר דורך א 'פעולה' - ס'ווערט נגמר דער זאך, (- אולי הכוונה כאן הוא על השידוך של הורי רביז"ל, כמבואר במקו"א ואכמ"ל).

איז נישט קשה (איך הגיע רבי נחום למעדוועדיווקע), ווייל ס'איז לעבן מעדוועדיווקע דארטן - דער אוסאטין, [ס'איז דא א אוסאטין אין 'גאליציע', און דער אוסאטין איז לעבן טשעהרין, לעבן מעדוועדיווקע], און דעם רבי'נס שווער איז געווען דארטן, לעבן 'דענקנייווקיפקע', לעבן מעדוועדיווקע, דארטן אין די שטעט, (ר' נחמן; 'אלכסנדראווקע' איז אויך דארטן?)[מט] דאס איז 'דענקנייווקיפקע', יא 'אלכסנדראווקע'!

איך בין געווען דארטן אין אלכסנדראווקע, תשעה באב בין איך געווען דארטן - אין שבת. (ר' נחמן; ס'איז געווען עפעס פון אונזערע לייט דארט?) ניין.

*

דארט איז א מעשה געווען, וואס דעם ערשטן ראש השנה מיינער - דער ראש השנה פון תרע"ה איז געווען דער ערשטער ראש השנה מיינער, איך בין מקורב געווארן תרע"ד, האב איך געזעהן פון "רבי אברהם ר' נחמן'ס" - איך האב געזעהן ס'איז אנגעקומען איינער אַן עלטערער מענטש, מיט א פעקל אויפ'ן אקסל - ארימעלייט דארטן האבן געהאלטן (די פעקלעך) אויפ'ן אקסל, ער איז אריינגעקומען,

[מט] ששם נתפרסם רביז"ל לראשונה עפ"י מעשה, עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ז (ב').

ער (רבי אברהם) האט משים לב געווען, (ושאל אותו רבי אברהם); ״ווי זענט איר געווען פאר א יאר׳ן״? פאר א יאר ׳ראש השנה׳.

איך קוק די זאך, זעה איך אז א איד׳ל - קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איהם, א ארימאן דארטן, א שלעפער, א קבצן, ווער קוקט זיך אום אויף איהם? און ״רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס״ האט אינזינען צו גיין איהם פרעגן, ״ווי זענט איר געווען פאר א יאר׳ן״ - פאר א יאר נישט געווען אויף ראש השנה!

ער איז געווען א ״ארץ ישראל איד״ - (רבי אברהם), און ער קומט צו פארן אויף ראש השנה, און ער ווייסט אז ער איז נישט געווען פאר א יאר אויף ראש השנה! בין איך געוואלדיג נתפעל געווארן פון דעם רעיון.

ענפערט ער איהם דארטן א תירוץ דארטן (אותו היהודי העני לר׳ אברהם) - איך ווייס וואס?! זאגט איהם רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס; ״ס׳איז אַן אבידה שאינה חוזרת״![ג] אזוי האט ער איהם געענפערט, שוין.

גיי איך צו צו רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס, ״ווער איז דער איד״? זאגט ער ״דער איד איז א ׳טירהאוויצער׳, און ער האט געקענט גוט רבי נתן׳ען״! - שוין, אבער ווער האט געוואוסט פון איהם? ווער ווייסט פון איהם?! - ״היינט וואוינט ער אין ׳אלכסנדראווקע׳, ער איז דארט אן איינבינדער״! האט ער מיר אלעם דערציילט פון דעם איד׳ן.

האב איך געהאט א געדאנק - איך וויל זיין דארטן ביי איהם! ער האט געקענט רבי נתן׳ען, און געווען אין טירהאוויצע, איך וויל הערן פון איהם דארטן דיבורים - פון רבי נתן׳ען, הערן דארטן מעשה׳ס!

אז איך בין געווען אין אלכסנדראווקע, האב איך שוין געוואלט זעהן דעם אידן, האב איך געפרעגט דארטן אין די שטאט אויף דעם אידן, זאגן זיי; ״ער וואוינט דאך אין א קעלער, ממש א קעלער, אזוי ווי א גרוב, אפילו גארנישט קיין שטוב, א קעלער״!

---

[ג] עי׳ עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ״ת, סי׳ שס״ב; לֹא יָכֹלְתִּי לְהִתְאַפֵּק מֵעֹצֶם אַהֲבָתְךָ לְחַזֶּקְךָ וּלְזָרֶזְךָ שֶׁלֹּא יִהְיוּ לְךָ שׁוּם סְפֵקוֹת חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבְּךָ בְּעִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וכו׳, אֲבָל יוֹתֵר מִזֶּה בְּנִי הִזָּהֵר וְהִזָּהֵר שֶׁלֹּא תִּהְיֶה חַס וְשָׁלוֹם בִּכְלַל חֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ״ל (חֲגִיגָה ו:) זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו וְכוּ׳, בִּפְרָט לְעֵסֶק קָדוֹשׁ וְנוֹרָא כָּזֶה...

בין איך צוגעגאנגען דארטן, איך בין אריינגעגאנגען, איך האב איהם גלייך דערקענט, ער איז שוין געווען בלינד, דעמאלטס האט ער שוין נישט געזעהן, ער איז געווען א איד א זקן, (השואל; בשעת ער איז געקומען אויף ראש השנה תרע"ה?) דעמאלטס האט ער נאך יא געזעהן, דאס איז שוין געווען סוף תרע"ו, אנדערהאלבן יאר שפעטער בין איך געווען ביי איהם.

איך בין אריינגעקומען, פרעגט ער מיר; "ווער איז"? זאג איך "א איד פון אומאן"! (השואל; ער איז געווען אליין?) זיינער א שוועסטער האט איהם באדינט. "אַן אומענער" - ער האט אנגעהויבן טאנצן פאר שמחה - "א איד פון אומאן, פון אומאן"!

איך האב זיך אוועקגעזעצט לעבן איהם, איך האב גארנישט געקענט זיצן דארט, אזוי אומריין די שטוב געווען, געוואלדיג אומריינקייט, ער האט נאר געבעטן איך זאל עפעס עסן ביי איהם, איך האב גארנישט געקענט עסן דארט, אזוי אומריין, נאר איך האב געמוזט איהם צוליב טוהן.

דערווייל האט ער מיר שוין דערציילט מעשה'ס פון רבי נתן דארטן, טאקע אלעס אזוי ווי רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט, טאקע א איד פון טירהאוויצע, און ער האט געקענט רבי נתן'ען! און ער האט געזאגט אז ער האט זיך נאך געזעגענט מיט רבי נתן (קיבל ברכת פרידה ממנו), רבי נתן האט איהם געגעבן א 'מטבע', די מטבע האט ער געהאלטן, "נאר מען האט מיר צוגע'גנב'ט די מטבע, איך ווייס נישט ווי" - (כך אמר לרלוי"צ).

(השואל; אלץ וואס האט רבי נתן געגעבן א מטבע?) ס'פלעגט אמאל זיין אזוי, צדיקים פלעגן געבן אזא מטבע, א קינד, (השואל; ער איז נאך דעמאלטס געווען א קינד?) יא, האט ער איהם געגעבן א מטבע, צדיקים פלעגן געבן א קינד א מטבע, און די מטבע האבן זיי געהאלטן מיט א חשיבות דארט.

(השואל; איר געדענקט וואס ער האט דערציילט פון רבי נתן'ען?) ער האט אסאך זאכן דערציילט, דערציילט, ווען רבי נתן איז געקומען איז ער געלאפן דאס ערשטע צו רבי נתן'ען.

אבער איך האב געהאט א געוואלדיגע התפעלות פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, ווי ער האט אינזינען געהאט יעדעם איינעם פונעם קיבוץ, יעדעם איינעם מיט אזא - (בחשיבות).

*

# 'אחד היה אברהם'...

דאס איז אלעס געווען סיבות, ווען איך בין אנגעקומען קיין אומאן האב איך זיך אזוי דערנענטערט דעמאלטס צו רבי אברהם ר' נחמן'ס, דאס האט געהאט אסאך סיבות, איך האב דאך געזעהן דארטן אנדערע - וואס דער עולם האט געקלעבט ביי זיי, דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, אז דורך די סיבות איז געווען אלעס וואס איך האב - (נתקרב ביותר לרבי אברהם).

(השואל; ווען זענט איר געווארן אזוי שטארק מקורב צו רבי אברהם ר' נחמן'ס, טאקע גלייך ראש השנה, ס'איז סך הכל צוויי וואכן פון ווען איר זענט אנגעקומען קיין אומאן?) **דער עיקר בין איך געווארן נאך סוכות! איך האב אנגעהויבן זעהן דעם ראש השנה, בין איך נתפעל געווארן פון דעם אידן.**

ראש השנה האב איך געזעהן ווייטער, איז געזעצן דארטן (אצל רבי אברהם) די אלע גדולים, "רבי מרדכי" (סאקאלאב'ער) און "רבי שלמה גבריאל", דארטן די באַרדיטשוב'ער דארטן - "ברוך" און "בנימין פארבער", (השואל; זיי האבן געהייסן חשובע?) די אלע עובדים - גרויסע מענטשן געזעצן, זיי זענען געזעצן לעבן איהם דארטן, איך האב געזעהן ווי ער האט געפייערט, ער האט געברענט - און ער האט גערעדט, אבער אלעס איז נאך נישט געווען אזוי - (עדיין לא נתקרב אצלו).

(השואל; וואו האט ער גערעדט יענע צייט?) **ביי "נחום" (שוסטער) אין שטוב!** (השואל; נחום האט געוואוינט אין אומאן?) **יא.**

איך האב געזעהן דארטן ווי מען זיצט, און רבי אברהם רעדט פאר זיי, און זיי שטייען לעבן איהם, איי, און הערן ביי איהם דעם 'דוך' זיינער (הבל פיו).

נאר דער עיקר איז געווען נאך סוכות, דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן דאס התקרבות מער צו רבי אברהם ר' נחמן'ס.

איך פלעג אריינגיין צו רבי שמשון'ען (בארסקי) צו 'מלוה מלכה', רבי שמשון האט געמאכט א מלוה מלכה מוצאי שבת, זענען געווען אלע אונזערע לייט זענען געווען - (פארברענגט) מיט שמחה, כמעט רוב עולם איז געווען דארטן.

און "רבי ישראל כהן" - ער האט זיך געלייגט שלאפן באלד נאך הבדלה - נאך מלוה מלכה, און אויפגעשטאנען חצות, איך פלעג אריינקומען אין שול אריין פון מלוה מלכה, פלעג איך זאגן ישראל'ן - מיר האבן געלערנט צוזאמען אין ישיבה - "פארוואס קומסטו נישט אריין צו רבי שמשון'ען? אזא מין התעוררות, א מלוה דמלכה"?!

ס'איז געווען טאקע - ממש א התעוררות, גערעדט דיבורים, און געטאנצט, א שמחה געווען - עפעס א געוואלד! האט ער געזאגט אזוי; "איך ווייס נישט, איך זעה פון רבי אברהם ר' נחמן'ס - ער איז זיך מזרז, געלייגט שלאפן און שטייט אויף חצות! דאס ווייס איך, דאס איז עס"!

איך האב געהאט מיט איהם א ויכוח, איך האב געהאלטן אז דאס איז בעסער, ער האט געהאלטן דאס איז בעסער, און שוין, א ויכוח איז ויכוח, ער איז אויפגעשטאנען חצות, און איך האב געזאגט חצות און זיך געלייגט שלאפן!

אבער די נאכט האב איך געזעהן "רבי נחמן טולטשינער" אין 'חלום' - די נאכט! (איך האב געזעהן ווי) ער האט געגעסן, און איך קוק אזוי, ווייל איך האב געהערט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס אז זיין פאטער פלעגט עסן מערער, (השואל; ער איז געווען א גיבור - רבי נחמן טולטשינער?) יא יא. קוק איך אזוי ווי רבי נחמן זיצט און עסט, איך קוק; אזוי טאקע, ער עסט טאקע אסאך! רופט ער זיך אָן צו מיר; "אז דו האסט נישט קיין געפיל אין מיין **אברהם'ען** – ווילסטו האבן **א געפיל אין מיר**"?! דאס האט ער מיר געענפערט!

דערפון האט זיך גענומען דאס התקרבות צו רבי אברהם! "אז דו האסט נישט קיין געפיל און מיין אברהם'ען – ווילסטו האבן א געפיל אין מיר"?!

(השואל; פון וואנעט האט איר געוואוסט אז דאס איז רבי נחמן?) ווי אזוי האב איך געוואוסט? איך האב געוואוסט אז ס'איז רבי נחמן טולטשינער, איך האב געוואוסט אז ס'איז רבי נחמן טולטשינער - דאס איז געווען מן השמים, דאס איז דאס!

(השואל; איז פון יענעם מאל האט איר אויפגעהערט די מלוה מלכה [באריכות]?) יא יא!

*

# 'השמעת ממני דברי מוסר'?!

(הנוכחים; מען קען דאך נישט שלאפן? דער רבי זאגט דאך אזוי "שקשה לישן במוצאי שבת"?!),[נא] **איך וועל אייך זאגן אזוי, דער אמת איז אזוי - דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל א ווארט; "האט איר אמאל געהערט פון מיר א ווארט מוסר"?! רבי נתן - בשעת מעשה איז ער געשטאנען** (כמתמיה)**; "דער ספר איז דאך פול מיט מוסר"?! אבער דער עיקר - דער רבי וועט קיינמאל נישט זאגן קיין מוסר!**[נב]

**'זאגן יענעם' איז קיינמאל נישט געווען, מען זאל זאגן יענעם אזוי, "פארוואס שטייסטו נישט אויף קיין חצות"?! "פארוואס האסטו נישט קיין התבודדות"?! מען האט נאר גערעדט די דיבורים פון דער זאך, גערעדט דערפון , און דאס דארף שוין -** (מעורר זיין פון זיך אליין).[נג]

**דאס אייגענע איז געווען ביים רבי'ן אליין אויך, דער רבי זאל יענעם זאגן, "פארוואס טוהסטו אזוי"?! קיינמאל נישט געווען דער רבי זאל זאגן דאס דאזיגע, ער האט געזאגט א מאמר - א תורה!**

**ס'איז דא עפעס א ווארט - "פאלקעוועטע חסידים",** (ר' נחמן; מען זאגט 'אזוי', 'אזוי', יענער זאל 'אזוי' טוהן?) **יא.**

*

---

[נא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ז.

[נב] עי' שיחות הר"ן אות קכ"ד; פַּעַם אַחַת שָׁאַל אוֹתִי בִּלְשׁוֹן תְּמַהּ: הֲשָׁמַעְתָּ מִמֶּנִּי דִּבְרֵי מוּסָר וכו', וּבִתְחִלָּה הָיָה אֶצְלֵנוּ קְצָת תְּמִיהָה וכו', אַךְ בֶּאֱמֶת לֹא הָיָה רָגִיל לוֹמַר דִּבְרֵי מוּסָר בְּפֵרוּשׁ כְּדֶרֶךְ הַמּוֹכִיחִים, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן כָּל דְּבָרָיו וְכָל שִׂיחוֹתָיו הָיָה רַק מֵעִנְיַן עֲבוֹדַת ה', וְכָל דְּבָרָיו הָיָה כְּגַחֲלֵי אֵשׁ מַמָּשׁ, וּמִי שֶׁזָּכָה לִשְׁמֹעַ דִּבּוּר מִפִּיו הָיָה נִכְנָס בְּקִרְבּוֹ כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ.

[נג] עי' תו' ח' תניינא אות א', ושם בליקוטי עצות ערך תוכחה אות כ'; ... כִּי לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, לְדַבֵּר אֶחָד עִם חֲבֵרוֹ בְּכָל יוֹם מֵהַתַּכְלִית וּמַה יִּהְיֶה הַסּוֹף מֵאִתָּנוּ וְכוּ', זֶה צָרִיךְ בְּוַדַּאי כָּל אָדָם לְקַיֵּם אֲפִלּוּ אָדָם פָּשׁוּט לְגַמְרֵי כַּנַּ"ל, אֲבָל תּוֹכָחָה שֶׁהִזְהִיר כָּאן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי הוּא כְּשֶׁמּוֹכִיחַ אֶת הָאָדָם וּמַזְכִּיר לוֹ עֲווֹנוֹתָיו, שֶׁאוֹמֵר לוֹ, לָמָּה עָשִׂיתָ עֲבֵרָה פְּלוֹנִית אוֹ מַעֲשֶׂה הָרָעָה הַזֹּאת ח"ו, וְזֶה צָרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר שֶׁלֹּא לְהַזְכִּיר מַעֲשִׂים רָעִים שֶׁלָּהֶם, כִּי יָכוֹל לְהַחֲלִישׁ נִשְׁמָתָם עַל־יְדֵי זֶה, עַל־יְדֵי שֶׁמְּעוֹרֵר הָרֵיחַ רַע, עַל־יְדֵי שֶׁמַּזְכִּיר עֲווֹנוֹתֵיהֶם...

איך האב געזעהן אונזערע לייט, א צוזיפקום געווען, איז צוזיפגעקומען עטליכע סארטן מענטשן, מען האט נאר גערעדט דאס גרויסקייט פון יעדע זאך – האט מען גערעדט!

איז דארטן געווען מענטשן וואס זענען געווען זייער נזהר אין דער זאך, און מענטשן וואס זענען נישט געווען נזהר, מען האט אבער נישט געזאגט "טוה אזוי"! מען האט גערעדט דעם 'חיוב' פון דער זאך! אסאך מענטשן וואס זענען געווען דארטן - (מען האט גערעדט) אסאך מאל - און ס'האט זיי נאך נישט געווארעמט, אינדערמיט (- בתוך כך) האט עס זיי דערווארעמט!

אז די זאך ווערט 'פון זיך אליין' האט עס מער קיום! נישט אז איך זאג איהם; "פארוואס טוהסטו נישט אזוי"?! איך וויים נישט צו איך מעג זאגן - און די רייד האבן נישט אזא כח זיי זאלן קענען ווירקן אויך!

אבער מיר רעדן פון דער זאך וואס "ס'דארף זיין", נישט נאר קעגן אן עצה 'בפועל ממש', מען רעדט א שמועס - אז מען דארף היטן די אויגן, מען דארף היטן דאס מויל, מען דארף היטן דעם געדאנק! קען יענער נתעורר ווערן דערפון מערער וויפיל איך זאל יענעם זאגן; "פארוואס טוהסטו נישט אזוי"?! "פארוואס טוהסטו נישט אזוי"?!

אזוי ווי מיר האבן געזעהן ביי אונזערע מענטשן - אזוי דארפן מיר זיך אויך פירן! ס'איז נישט געווען ביי אונז מען זאל זאגן יענעם "עשה כך", נאר וואס דען? די הנהגה וואס ס'איז געווען – דאס איז געווען! מען האט גערעדט, גערעדט -(בכלליות)!

*

# 'אשר בך אתפאר'...

דאס וואס ס'איז געווען דעמאלטס ביי רבי נתן'ען, ס'איז אריינגעקומען דער מחלל שבת - 'דער דייטשל', ער האט אויפגעהויבן די הענט[נד] - על כל פנים - האט מען

---

[נד] עי' שיח שרפי קודש ח"ב אות תרי"ח; אָמַר פַּעַם (מוהרנ"ת); "עוֹד אֶתְפָּאֵר לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד, עַל שֶׁהֶחֱזַרְתִּי בִּתְשׁוּבָה שְׁנֵי אֲנָשִׁים יְרוּדִים כָּאֵלּוּ"; אֶחָד מֵהֶם הָיָה "הַגֶּרְמַנִּי", שֶׁכִּנּוּהוּ "דֶער דַיְיטְשְׁל", שֶׁנִּכְנַס פַּעַם בְּשַׁבָּת לַקְּלוֹיז שֶׁבִּבְרֶסְלֶב, בְּעֵת שֶׁאָמְרוּ הַקָּהָל קְדֻשַּׁת "כֶּתֶר", וּכְשֶׁהֵרִים יָדָיו, הִבְחִינוּ אַנַ"שׁ בְּדְיוֹ שֶׁהֶכְתִּים אֶת יָדָיו, בְּעֵת שֶׁכָּתַב בַּעֲבוֹדָתוֹ בְּעֶצֶם יוֹם הַשַּׁבָּת, כִּי הָיָה פָּקִיד בָּעִירִיָּה. וְרָצוּ כַּמָּה מֵאַנַ"שׁ לִגְעֹר בּוֹ וּלְגָרְשׁוֹ מִבֵּית-הַמִּדְרָשׁ, אוּלָם מוֹהַרְנַ"תְּ עִכֵּב בַּעֲדָם וְלֹא הִנִּיחַ לָהֶם לְהָרַע לוֹ, בְּאָמְרוֹ; "הֲרֵי כְּשֶׁנִּכְנַס אֵלֵינוּ, לֹא נִכְנַס לְלֹא שׁוּם סִבָּה וּבְוַדַּאי חוֹשֵׁב עַל

**איהם געווען געקענט זאגן; "פארוואס ביסטו א מחלל שבת"?! מען האט דאס אויך נישט געזאגט! מיט די צייט איז ער געווארן אזא מין חסיד! אזא בעל תשובה!**

**ביי אונז איז עפעס אזא גאנג - ביים רבי'ן – אט דאס איז דער 'אמת'.**

(השואל; דאס איז איינער פון די צוויי?) **איינער פון די 'צוויי' - וואס "ער וועט זיך באריהמען פאר'ן כסא הכבוד וואספארא מענטשן ער האט געבראכט"! אזוי האט רבי נתן געזאגט!**

(השואל; ווער איז געווען די אנדערער?) **דער אנדערער איז געווען איינער פון 'טולטשין' דארטן. איינער - וואס ער איז געווען א געוואלדיגער משכיל, רבי נתן איז געווען אמאל ביים זוהן אין טולטשין** – (כאן חסר קצת)[נה]

**- - - און ער איז שוין דארטן נישט געפארן! און ער איז געווארן א 'איש כשר'! ער האט געוואלט פארן קיין 'בערלין', דארטן וואו דער מקור הטומאה איז געווען.**

**האט רבי נתן געזאגט, אז "מיט די צוויי מענטשן וועט ער זיך באריהמען פארן כסא הכבוד - וואס ער האט געבראכט די מענטשן צום אויבערשטן"! דאס איז א באזונדערער שמועס.**

*

**נאר וואס דען? מיר האבן געהאט עפעס א גאנג דערינען, אז דער 'זאגן' זאל זיין מיט עפעס אזא מין חן, מיט אזא מין אמת, ממש - אז מען האט געדארפט עפעס איינעם זאגן א ווארט - האט מען פריער געדארפט בעהטן דעם אויבערשטן "ווי אזוי איך זאל איהם זאגן! איך זאל איהם נישט מחליש דעת זיין, איך זאל איהם נישט אראפווארפן דורכ'ן זאגן"!**

---

תְּשׁוּבָה", כִּי לְבָתֵּי-כְּנֵסִיּוֹת אֲחֵרִים לֹא הִנִּיחוּ לוֹ לְהִכָּנֵס וְכוּ', וּמֵחֲמַת זֶה בֶּאֱמֶת הִתְקָרֵב אַחַר-כָּךְ לְאַנַ"שׁ וְנַעֲשָׂה לְיָרֵא וְכָשֵׁר...

[נה] עי' שיש"ק שם ח"ב אות תרי"ח; הַשֵּׁנִי הָיָה אֶחָד, שֶׁלָּמַד סִפְרֵי הַשְּׂכָּלָה וּבָא אֶל רַבִּי יִצְחָק, בֶּן מוֹהַרְנַ"תְּ, שֶׁהָיָה כַּיָּדוּעַ מְנַהֵל הַדֹּאַר בְּעִיר טוּלְטְשִׁין, וּבִקֵּשׁ מִמֶּנּוּ שֶׁיַּשְׁאִיר לוֹ מָקוֹם בְּעֶגְלַת הַדֹּאַר הַנּוֹסַעַת לְבֶּרְלִין, כִּי חָפֵץ הָיָה לִנְסֹעַ לְשָׁם, מֵחֲמַת שֶׁשָּׁם דָּרוּ רָאשֵׁי הַמַּשְׂכִּילִים, כַּיָּדוּעַ, וְרָצָה לִלְמֹד מֵהֶם, וּבְדִיּוּק אָז בָּא מוֹהַרְנַ"תְּ אֶל בְּנוֹ רַבִּי יִצְחָק, לְבֵית הַדֹּאַר, וּכְשֶׁהִבִּיט הָאִישׁ הַהוּא בִּפְנֵי מוֹהַרְנַ"תְּ, מָצָא מוֹהַרְנַ"תְּ חֵן בְּעֵינָיו מְאֹד, וְשָׁאַל אֶת רַבִּי יִצְחָק עַל מוֹהַרְנַ"תְּ: "**מִי הוּא, הָאָדָם הַזֶּה**"? עָנָה לוֹ רַבִּי יִצְחָק: "**זֶהוּ אֲדוֹנִי אָבִי**", וּשְׁאָלוֹ: "**הַאִם יָכוֹל אֲנִי לְדַבֵּר עִמּוֹ**"? עָנָה לוֹ רַבִּי יִצְחָק: "**בְּוַדַּאי**"! וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִם מוֹהַרְנַ"תְּ, וְהֶחֱזִירוֹ כְּבָר מוֹהַרְנַ"תְּ בִּתְשׁוּבָה, וְשׁוּב לֹא נָסַע יוֹתֵר לְבֶרְלִין, רַק נִשְׁאַר אֵצֶל מוֹהַרְנַ"תְּ וְנַעֲשָׂה יָרֵא וְכָשֵׁר בִּזְכוּתוֹ.

א גאנצע עבודה ליגט דערינען! מען קען אמאל יענעם אזא מין קלאפ גיבן – רחמנא ליצלן - יענעם אזוי אראפוואָרפן.

אפילו דער "טשעהרינער רב" - ער איז געווען אזוי גרויס - האט ער אמאל א מענטש אראפגעווארפן, יענער איז נתרחק געווארן, אינגאנצן געווארן דערווייטערט פון אונז! נאכדעם האט ער חרטה געהאט. (השואל; יענער איז מער נישט געקומען?) ער איז מער נישט געקומען צו אונז!

*

## 'דרי מעלה - דרי מטה'

**דער רבי האט דאך אזוי געזאגט;[נו] "צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג"!**

**און דער רבי האט געזאגט;[נז] "וואו עפעס 'רעכטס' איז מחויב צו מיר מקורב ווערן"!**

**איז דאך ביידע לשונות אמת!**

מיר האבן געהאט אין אומאן אזעלעכע מענטשן, ס'איז געזיצן - ברוך השם - געווען ביי מיר א טיש 'ראש השנה'! דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל זוכה זיין בימי 'משיח' - זעהן אזא מין טיש! א פופצן-זעכצן 'צדיקים' געווען ביי מיר ביים טיש! אזא מין לעכטיגקייט געווען ביים טיש, אז ס'איז א געוואלד געווען!

(ומאידך גיסא -) איינער איז געווען פון די אינגעלייט, א פוילישער אינגערמאן, ער האט געקענט אסאך לערנען, און ער איז געווען גאר א 'מיוחס' גאר, ער איז געקומען פון גרויסע יחוס, גאר פון 'גדולים', און ער איז געווארן אן איידעם דארטן אין 'דניעפראפעטראווסקע' - דארטן איז א גרויסע שטאט, און ער איז קאליע געווארן.

ער איז געקומען צו פארן אויף ראש השנה, און ער פלעגט איינלייגן ביי דעם ציון, ער האט פארגאסן מיט טרערן, אז ממש א 'טייכל טרערן' איז געווען דארט וואו ער איז געזעצן, און ער איז געווען ביי מיר - מיינער אן אורח, און ער פלעגט זיצן ביים

[נו] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

[נז] עי' חיי מוהר"ן אות רפ"ו.

**טיש, האבן זיך איהם געגאסן די טרערן - ביים טיש! טאמער ער האט געהערט א ווארט פונעם רבי'ן - איז געווען ביי איהם א כלות הנפש, כלות הנפש! נאר וואס דען? ער האט געהאט אזא מין יצר הרע, אזא מין ברענעדיגע יצר הרע האט ער געהאט, ממש א מדורה פון 'שבעין כוכבין'[נח] - - -**

**און אז ער איז געקומען צו מיר - וואס זאל איך איהם זאגן? איך זאל איהם גיין זאגן 'מוסר'?! אז דער מענטש גיסט אזויפיל טייכן טרערן פאר'ן אויבערשטן, און ער ברענט און ער פלאקערט, ער זאגט "איך גיי ארויס אינדרויסן בין איך אין א סכנה! בין איך שוין איינגעשטעלט"!**

**ער האט מיר אזוי געזאגט, "וואס ס'וועט זיין פון מיר ווייס איך נישט" - זאגט ער - "איך האב נאר איין עצה, איך ווייס איך בין ביים רבי'ן, איך דארף אויסגיסן טרערן"!!! דאס פלעגט ער האבן אסאך - 'התבודדות', וויינען און קלאגן, און ער האט געזאגט "איך גיי ארויס אינדרויסן בין איך שוין א פארברענטער", נו.**

**נאר וואס דען, מיר האבן איהם נישט געזאגט "דו ביסט אונז א בזיון וואס דו קומסט אויף ראש השנה"! מיר האבן דאס נישט געזאגט, אדרבה - מיר האבן איהם געשטארקט "אז דו וועסט זיך האלטן אינעם רבי'ן, דו וועסט זיך האלטן אין התבודדות, סוף כל סוף וועסטו גוט מאכן"![נט] מיר האבן איהם געשטארקט!**

**אלע ראש השנה איז ער געקומען, ער האט פארברענגט א ראש השנה, אז מענטשן פלעגן זיך** (פארוואונדערן) **"געוואלד, ווער איז דאס?! אזויפיל טרערן אויסגיסן?! מיט זיין שמחה, מיט ברענונג"!**

**ער איז געווען מיינער א אורח, וואס ער האט געהערט א ווארט - איז געווען אזוי ווי מען שלינגט עפעס האניג! אזא טייערע זאך! אזוי האט ער געשלינגען יעדע ווארט!**

---

[נח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ט אות ג', והוא עפ"י הזוהר פרשת ויקהל דף ר"ג ע"א.

[נט] עי' מכתב הסתלקות מוהרנ"ת שבסו"ס עלים לתרופה, וז"ל מתוך דברי מוהרנ"ת; אֲפִלוּ מֶען זָאל זַיין דֶער עֶרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה אַבִּיא מֶען הַאלְט זִיךְ אִין רֶעבְּן וֶועט מֶען בְּוַדַּאי תְּשׁוּבָה טָאן אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן אַ תִּקּוּן.

ועי' בחיי מוהר"ן אות רע"א; ... כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ, הַיְנוּ הַמְקֹרָב, אֵינוֹ כְּלוּם, וְאֵינוֹ מִתְנַהֵג בְּדַרְכֵי יֹשֶׁר כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּתוֹךְ אֲנָשִׁים כָּאֵלּוּ שֶׁהֵם מְקֹרָבִים לְצַדִּיק, לִקְדֻשָּׁה כָּזֶה, זֶה בְּעַצְמוֹ מוֹעִיל לוֹ מְאֹד, וּבְמֶשֶׁךְ הַזְּמַן יִתְעוֹרֵר גַּם כֵּן וְיַחֲזֹר בִּתְשׁוּבָה... ועי' גם כעי"ז שם אות שט"ו.

בחור'וויז איז ער געווען א חידוש'דיגע בחור! נאר ער האט א שלעכטן שידוך געטוהן, און דער שידוך האט איהם נעבעך דער'הרג'ט אינגאנצן - דער אויבערשטער זאל אפהיטן! (השואל; ער האט געהאט קינדער?) יא יא, ער האט געהאט קינדער אויך, ער האט געהאט עפעס א 'שטומע קינד', א 'בלינדע קינד', מען האט זיך מיט איהם אפגערעכענט פון אויבן.

נאר ער פרעגט מיך - ער איז מיר געווען אזוי ווי א חבר - "וואס זאל איך טוהן"?! - זאגט ער - "אט קום איך צום רבי'ן ברען איך און איך פלאקער - ווי איך האב עפעס א ווינקל 'ווין איך זיך אוים' און 'קלאג זיך אוים', און אז איך גיי ארוים אינדרויסן ווער איך שוין פארברענט"! (השואל; עפעס א קליפת נוגה?) רחמנא ליצלן - עפעס א "קליפת נוגה"?! אַן "אריך אנפין דקליפה"![ס]

אבער מיר האבן געהאט אין זיך די זאך - מיר זאלן דעם מענטשן מרחק זיין?! מיר האבן זיך געהיט! מיר האבן אלע געוואוסט אז מיט איהם קאכט זיך אסאך, אבער מיר זאלן זאגן איהם "דו ביסט אונז א בזיון וואס דו קומסט אויף ראש השנה" - דאס האבן מיר נישט געטוהן!

וואס ס'איז פון איהם געווארן - ווייס איך נישט, מסתמא איז ער גע'הרג'עט געווארן ביי היטלער, אבער ער איז דארטן אזוי געווענליך – איז ער נעבעך אדורכגעפאלן מיט אסאך זאכענישן, אבער ער האט געגעבן גרויסע 'מחאות', ער האט געגעבן געוואלדיגע 'מחאות'![סא]

*

## 'נקודת החבר'

אוודאי דארף מען וואוינען מיט אונזערע לייט צוזאמען, און האבן חברים פון אונזערע מענטשן, און רעדן פונעם רבי'ן, דאס איז דאך איינס פונעם רבי'נס נקודות, און דאס האט אוודאי אן אנדער כח!

---

[ס] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רמ"ב.

[סא] עי' ליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה' אות י"ג; כִּי אֲפִלּוּ אִם רוֹאֶה שֶׁאֵינוֹ פּוֹעֵל ח"ו בִּתְפִלָּתוֹ, אַדְּרַבָּא הָרַע מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר, אַף עַל פִּי כֵן יֵדַע וְיַאֲמִין שֶׁפּוֹעֵל הַרְבֵּה בִּתְפִלָּתוֹ וְצַעֲקָתוֹ, כִּי עַל כָּל פָּנִים תְּפִלָּתוֹ וְצַעֲקָתוֹ הוּא בְּחִינַת מְחָאָה - שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵין יְכוֹלִין לְהַחֲזִיק בְּנַחֲלָתוֹ בְּשׁוּם אֹפֶן, כִּי אֵין חֲזָקָה מוֹעֶלֶת כְּשֶׁיֵּשׁ מְחָאָה נֶגְדּוֹ.

דאס האט א געוואלדיגער כח דאס, איז סוף כל סוף מאכט מען גוט, ס'ווערט עפעס, ס'קומט – א 'נייער כח' קומט צו, וואס ס'איז נישט מיין כח! אפילו די תורה ותפילה וואס דו האסט אין זיך - האט עס נישט דעם כח - ווי דער כח אז דו האלסט זיך צוזאמען און מען רעדט צוזאמען! ס'האט עפעס אן אנדער כח, ס'קומט צו א נייער כח!

דער רבי זאגט דאך "דריי נקודות",[סב] קומט דאך צו עפעס א כח! אז דו האסט עס נישט - וואס דיין תורה ותפלה אליין איז דאך אוודאי א גרויסע זאך - נאר וואס דען? ס'קען זיין אז דאס איז פאר דיר נאך ווינציג, אבער אז דאס איז מיט א התחברות מיט "יראי ה' יכבד",[סג] און "**אז נדברו יראי ה' איש על רעהו**",[סד] קומט צו א נייע כח![סה] עס קומט צו די 'נקודה'!

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה[סו] "**ששם שורה אהבה הקדושה**", ביי די נקודה וואס איז דא - סיי ביי מיר און סיי ביי יענעם - איז דארטן "שורה אהבה דקדושה"! ממילא אז איך נעם פון יענעם א נקודה, נעם איך פון די 'אהבה דקדושה' וואס ס'איז דא אין דער נקודה - ווערט עפעס אין איהם נייע כוחות, קומט צו נייע כוחות!

*

# 'במקום שבעלי תשובה עומדים'

סאיז געווען נאך! דארט אין רוסלאנד - אזעלכע מקומות - פראסטע מענטשן וואס זענען דורכגעפאלן, און די וואס האבן זיך געהאלטן מיט אונז - די טרערן וואס זיי פלעגן פארגיסן ביים רבי'ן!

---

[סב] עי' בליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד, וז"ל שם (באות ח'); ... וְכָל הַנְּקֻדּוֹת הַלָּלוּ - שֶׁהַכֹּל צְרִיכִין לְקַבֵּל מִתְּחִלָּה מֵהַצַּדִּיק, וְאַחַר כָּךְ יְקַבְּלוּ דֵּין מִן דֵּין, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מִנֵּהּ וּבֵהּ...

[סג] תהלים ט"ו ד'.

[סד] מלאכי ג' ט"ז.

[סה] עי' חיי מוהר"ן אות שט"ו; ... תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ ... הֲלֹא טוֹב הָיָה אִם הָיִיתָ מַטִּיל הָעַבְדוּת וְהַיַּהֲדוּת שֶׁלְּךָ גַּם כֵּן לְתוֹךְ הַשִּׁתָּפוּת שֶׁל הַחֲבֵרִים הָאֲהוּבִים, וְהָיוּ אֲחֵרִים יְכוֹלִין לְהַרְחִיב יְדֵיהֶם וּלְהַצְלִיחַ עַל יְדֵי הָעַבְדוּת שֶׁלְּךָ...

[סו] שם תו' ל"ד.

דער "משה" דארטן - דער בעל עגלה, "משה צדוק'ס", ער איז דאך געווארן עפעס אזא מין - (בעל תשובה), (מ'וואלט געדארפט) אראפנעמען א 'בילד' ווי אזוי ער האט אויסגעזעהן פריער - און אראפנעמען א בילד ווי אזוי ער איז געווארן נאכדעם!... ער איז ממש געווארן א 'איש צדיק', אזעלכע לאנגע פיאות, מיט א אויסגעוויינט פנים און געשוואלענע אויגן!

ער איז ארויפגעקומען צום רבי'ן אויפ'ן ציון אלע טאג זיך אויסוויינען זיך! און א 'הכנסת אורחים' - אריינגעמען אלע מענטשן און געבן עסן, און מאכן א 'מקוה' ביי זיך! - דעמאלטס איז קיין מקוה נישט געווען - אזעלכע זאכן!

נו וואס האב איך געקענט זאגן אזא מין מענטש? (- בעת שבא להתקרב), קען איך איהם זאגן - מחליש דעת זיין?! אז דער מענטש ראטעוועט זיך, לויפט, טוהט?! איי איי נעבעך - וואס איז ער געווען פריער? דאס איז נישט אונזער עסק!

(השואל; ער האט ממש גע'הרג'עט פריער?) ממש! ער איז געגאנגען מיט די באנדעס, און זיי האבן גע'הרג'עט, ער איז געווען א רוצח! (השואל; ס'איז געווען עפעס א יצר הרע צו הרג'ענען?) ס'איז געווען א צייט, ס'איז געווארן די 'באלשעוויקעס', און זיי האבן אויסגע'הרג'עט אלע גבירים, זיי האבן צוגענעמען די געלט און נאכדעם האבן זיי גע'הרג'ט נאך אויך! איז געווען א תאוה, א 'גביר' - הרג'ענען און צונעמען די געלט!

איז געווען נעבעך פון אידן אויך, זיי האבן געוואוסט 'דער' האט געלט, זענען זיי אריינגעגאנגען ביינאכט מיט א ביקס, מען האט צוגענומען די געלט, און מען האט איהם גע'הרג'עט, מארגן קען ער דאך אויסזאגן ווער ער איז געווען - האט מען גלייך גע'הרג'עט אויך נאך! איז 'ער' אויך געווען פון די דאזיגע - רחמנא ליצלן, נאכדעם ווען געקומען די 'באלשעוויקעס', האבן זיי טאקע אלע אויסגע'הרג'עט - די אלע וואס האבן אזוי געטוהן, נאר איהם האט מען נישט געוואוסט, ער האט זיך פארבאהאלטן, איהם האבן זיי נישט גע'הרג'עט!

און זיין טאטע איז געשטארבן - דער 'צדוק' - ער איז געווען א איד א בעל עגלה, האט ער (- משה בנו) געוואלט גיין זאגן קדיש נאך זיין טאטע'ן, איז ער אריין אין א שול, האט מען איהם אריסגעטריבן, מען האט איהם נישט אריינגעלאזט אין קיין שול זאגן קדיש, מען האט געוואוסט ווער ער איז! ביי אונז - מיר טרייבן דאך קיינעם נישט

ארוים - איז ער אריינגעקומען ביי אונז, ביי אונז איז ער געווען - אריינגעקומען זאגן קדיש, ער האט נישט געלייגט קיין תפילין - נאר 'קדיש' און אוועקגעגאנגען!

איז צוגעגאנגען צו איהם "יענקל זיטאמער", זאגט ער איהם; "משה, דו ביסט שוין דא, טוה אָן תפילין אויך"! האט ער געלייגט תפילין, ביז ער איז געווארן א 'בעל תשובה', ער איז געווארן א בעל תשובה עפעס א געוואלד - א 'תשובה', די 'שטוב', אה - ס'דא אסאך צו רעדן פון דעם איד!

ער האט געהאט קינדער, וואוילע קינדער! (השואל; שפעטער געהאט אדער פריער?) 'פריער' 'שפעטער' - דו דארפסט נישט פרעגן! דער עיקר, ער איז 'געווען' - און ער איז 'געווארן'!

אין א אנדערע שול האט מען איהם ארויסגעווארפן, מען האט איהם נישט אריינגעלאזט, אבער – דאס איז נישט אונזער זאך! איך גיי איהם נישט 'רופן', אבער אז ער קומט אריין - זאל איך איהם ארויסטרייבן?! כאטש מען האט דאך געוואוסט ווער ער איז געווען - 'אויבן' איז דא א דין וחשבון, 'אויבן' איז דא א בית דין של אמת, דאס איז נישט אונזער עסק! אונזער עסק איז נאר - אז ער קומט אריין, ער הייבט אָן ווערן א בעל תשובה, ער הייבט אָן תשובה טוהן, ער נעמט זיך 'וויינען' און 'חרטה האבן', און מאכט א 'מקוה', און 'הכנסת אורחים', מער ווייס איך נישט! הימל זאכן ווייסט מען נישט!

*

און אזוי איז געווארן אסאך מענטשן מקורב צו אונז! זיי האבן געוואוסט, וואו עפעס איינער - עפעס א 'שלאק', וואס איבעראל לאזט מען איהם נישט אריין - 'דא' לאזט מען איהם אריין! - הייבט ער אָן תשובה טוהן!

(ומאידך גיסא -) 'גרויסע מענטשן', גדולים, אפילו רבנים - ס'איז געקומען שיינע רבנים, גדולים, זיי זענען מקורב געווארן צו אונז, און געווארן אנדערע מענטשן! דאס איז שוין אויך געווען, דאס איז אויך געווען ביי אונז!

(השואל; ווער איז דער "רבי דוד אסטערער"?) "אסטער'ער רב", א געוואלדיגער מענטש געווען! (השואל; און ער איז טאקע געווען א שטארקער מקורב?) יא! ס'איז געווען א שטעטל לעבן קיעוו– 'אסטער', ער איז אוועקגעלאפן פון דארטן און געווארן א אומאן'ער! ער

איז דארטן געווען א רב (אין אסטער), ער האט געזעהן אז די קינדער זיינע - קענען זיך נישט האלטן בדרך התורה, איז ער אוועק פון דארטן, און ער איז ארויס קיין אומאן אפראטעווען די קינדער, און ער האט זיך געהאלטן לעבן אונז, איז ער שוין געווארן!

*

## "קבלת התורה - קיום התורה"

דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, היינט איז דאך די הילולא פון 'משה רבינו', רבי נתן האט דאך געזאגט – ס'שטייט דאך[סז] –"די תורה האבן מיר **מקבל פון משה רבינו, קיום התורה - דורכ'ן רבי'ן"!**

מען זעהט, ביי אונז איז נאך געווען - איך האב נאך פארכאפט א דור פון "רבי אברהם ר' נחמנ'ס", איך האב געזעהן אסאך מענטשן וואס האבן געקענט "רבי נתנ'ען" נאך, האבן מיר געזעהן די וועג זייערע - און זיי האבן געהאט א וועג פונעם רבי'ן, האט מען געזעהן וואס דער גאנג איז געוועזן! ווי אזוי דער הילוך איז געווען ביי אונז! דאס איז געווען דער גאנג - יענעם נישט מחליש דעת זיין, יענעם נישט 'אראפווארפן'!

צוריק ווייטער - יענעם נישט צופיל 'אויפהייבן' אויך! דאס האט מען אויך געהיט זיך, נישט אויפהייבן א מענטשן צופיל, נישט מאכן פון איהם א גאנצער געשעפט! מיט דעם שטעלט מען איהם אויך איין, ער איז איינגעשטעלט! א מענטש - מען הייבט איהם אויף צופיל - טויג אויך נישט, טויג אויך נישט!

נו, מען איז זייער געווען נזהר אין דער זאך, אז מען הייבט איהם אויף שטארקער - טויג עס אויך נישט! דער אויבערשטער האט דאך רחמנות אויף מענטשן.

*

## 'ישמע בזיונו ידום וישתוק'

ס'איז דא אווארט פונעם רבי'ן, דער רבי האט אזוי געזאגט;[סח] **"מיינע לייט וועלן האבן דעם גרעסטן כבוד און דעם גרעסטן בזיון"!** "דעם גרעסטן כבוד און

---

[סז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ה'. [ועי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' אות ס"ג].

[סח] עי' שיש"ק ח"ב אות מ"ד.

גרעסטן בזיון", מען זעהט ממש ס'ווערט מקוים, אין 'אומאן' האבן מיר עס אויך געזעהן!

נאך בעסער - איך בין געווען אמאל ביי "נאשקע'ן"[סט] (טולטשינער) אין שטוב - ער איז געווען א איד א צדיק - אין טולטשין, איך בין געווען אמאל שבת ביי איהם, 'אינדרויסן' איז נישט שייך געווען - אלע האבן זיך געריסן אויף איהם! (היו מאוד מכבדים אותו), אה - אין 'שטוב' האט ער געהאט א גרויסן בזיון, זי האט איהם גע'רודפ'ט אסאך... האט ער מיר געזאגט; "זעהסטו, ס'איז שוין מקוים דעם רבינ'ס ווארט! דעם גרעסטן כבוד און גרעסטן בזיון"! האט מען אזוי געזעהן.

ווארום דער וואס וויל זיך טאקע מקרב זיין מיט אַן אמת, פירט דער אויבערשטער אזוי צו - אז ס'זאל אזוי זיין! ווייל דאס איז אויך א סוד פון 'התקרבות', דעם גרעסטן כבוד אליין - טויג אויך נישט, דעם גרעסטן בזיון אליין - טויג אויך נישט ווייטער! נאר וואס דען? כבוד, בזיון, כבוד, בזיון!

דו מיינסט 'כבוד'? כאפ א 'בזיון' וועסטו שוין ויסן! האלט זיך! אזוי גייט דאס, דערפון קען ער וואקסן![ע]

איך האב געזעהן ביים שווער עליו השלום (רבי אהרן קיבליטשער), איך בין געווען ביי איהם, מען האט איהם אזויפיל גערזידלט, זאגט ער; "אט דאס איז אונזער זאך! אזוי גייט ביי אונז"! א איד קען עפעס א גאנצע נאכט "הניעור בלילה" - און אינדערפרי דערלאנגט מען איהם! אזוי וואקסט ער, אזוי וואקסט דער מענטש!

איי - דער וואס דערלאנגט וועט ער זיין א עזות פנים? וועט ער אויבן כאפן א פסק! דאס איז נישט אונזער עסק, אזוי איז, ער דארף עס האבן – צו זיין אידישקייט דארף ער עס האבן, דאס פעהלט איהם אויס! דעמאלטס וועט ער וואקסן אין אידישקייט, און ער וועט נישט קריכן (בדמיונות) - ער וועט נישט מיינען ער איז אזוי.

*

[סט] רבי נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

[ע] עי' חיי מוהר"ן אות תק"ג; שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר שֶׁעַל יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁחוֹלְקִין עַל הָאָדָם עוֹשִׂין לוֹ טוֹבָה, כִּי עַל יְדֵי זֶה יָכוֹל לִגְדֹּל וְלִצְמֹחַ...

"רבי אברהם ר' נחמן'ס" איז אויך געווען אזוי! (השואל; מען פלעגט איהם זידלען?) 'זידלען ממש' נישט! (השואל; מסתמא נישט אין אייערע צייטן, נאר ביי די פריערדיגע צייטן?!) אין מיינע צייטן האב איך אויך געזעהן כמה מאל'ן ביים טיש אזוי! מיר האט עס שטארק גע'ארט, איינער האט געזאגט עפעס א ווארט דארטן, נישט לפי כבודו, ביים טיש, און מיך האט עס שטארק גע'ארט!

נאר איך האב דאך געוואוסט אז דאס איז אונזער זאך, און "רבי אברהם ר' נחמן'ס" איז דערפון צופרידן, האב איך זיך נישט געוואלט אננעמען פאר איהם! איך האב איהם יא געזאגט דארטן שטילערהייט, יענעם געזאגט דארט, אבער זאגן אזוי (ברבים)?!

(רבי נתן אנשין שליט"א; "רבי אברהם ר' נחמנ'ס" האט געזאגט מיין זיידן [רבי שמואל מאיר אנשין ז"ל] אז "פאר א בזיון וואלט מען געדארפט גיין אין מקוה פריער"!) יא יא, מען וואלט געדארפט זאגן "לשם יחוד"! ס'קומט דאך אבער פלוצלונג, מען ווייסט נישט ווען!

ער האט געטוהן א שמייכל (ר' אברהם - בעת בזיון), ער האט א שמייכל געטוהן און פארטיג, שוין!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

ס'איז געווען אז איינער האט א זאג געגעבן אמאל ביי שלוש סעודות, רבי אברהם ר' נחמן'ס האט זיך צורעדט, האט יענער געזאגט "רבי שמשון זאל לערנען"! אז רבי אברהם האט זיך צורעדט, איז דאך געווען וואס צו הערן, ער האט זיך צופייערט זיך, האט יענער געוואלט 'רבי שמשון', האט ער געזאגט; "גענוג גענוג"! נו, האט ער אויפגעהערט צו רעדן! האט ער אויפגעהערט, שוין, האט ער שוין התבודדות, רעדט ער שוין צום אויבערשטן, האט ער אראפגעבויגן דעם קאפ און רעדט שוין צום אויבערשטן דיבורים!

ער איז געווען א אנדערע סארט מענטש, ער איז געווען דבוק אינעם אויבערשטן, ס'איז נישט שייך געווען צו רעדן א זאך, מען רעדט פון אזעלכע מענטשן וואס דאס איז זיין 'דביקות', ווען נישט - רעדט ער ווייטער צום אויבערשטן! ביי איהם האקט איהם נישט אפ קיין שום זאך, ממש - ער איז געווען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן, קיין שום זאך האט איהם נישט איבערגעהאקט, צו ער איז געגאנגען אין גאס, צו די 'חדושי אורייתא' דא וואס ער האט געהאט!

נאכדעם האב איך יענעם געזאגט "וואס הייסט דו טוהסט אזא מין זאך"?! האט ער געזאגט, "מיר ווילן הערן "רבי שמשון'ען", ער רעדט אונזער בילד, מיר זענען 'סוחרים', דארפן מיר הערן זיינע דיבורים"!

(השואל; ער האט געזאגט אז "רבי אברהם ר' נחמן'ס" רעדט צו הויך?) **ער האט גארנישט גערעדט צו הויך אויך! אז רבי אברהם ר'נחמן'ס איז געווען ביים טיש האט ער גערעדט פאר יעדן איינעם! ניין, רבי אברהם ר' נחמן'ס האט זיך זייער מצמצם געווען! אז ער האט גערעדט מיט אונז אליין - האט ער גערעדט, אבער אז ער איז געזעצן ביים טיש וכדומה - האט ער זיך מצמצם געווען! נו, געווענליך האט ער דאך גערעדט אנדערע דיבורים.**

(השואל; מען האט איהם געקענט הערן רבי אברהם'ען?) **יא יא, מען האט איהם געהערט, אויב ס'איז געווען שטיל האט מען איהם געהערט!**

**נאר וואס דען? ס'איז דאך "יראי השם יכבד", אז מען איז מכבד א 'ירא השם', איז מען דאך מכבד דעם אויבערשטן!**

**נו, זיי האבן געמאכט גוט!** (- אנ"ש הצדיקים שנזכרו כאן), **פון די אלע זענען שוין אויך נישט דא, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן - מיר זאלן מאריך ימים זיין, מיר זאלן אויך מאכן גוט, דאס איז דער עיקר! דער אויבערשטער זאל העלפן.**

*

(השואל; וואס איז פשט אין חיי מוהר"ן, דער רבי זאגט אז "רבי שמעון" איז שייך צו 'פינוי הדרך', "רבי שמעון בר יוחאי" מיינט ער, אדער "רבי שמעון" זיין תלמיד?) **רבי שמעון בר יוחאי!**[עא]

*

# 'רבי הירש ווייסליב ז"ל'

(רבי נחמן בורשטיין; רבי נחמן טולטשינער האט געהאט א מחותן "רבי הירש ווייסליב"?)[עב] **יא,** (איר האט איהם געקענט?) **ניין, ער ליגט אויפ'ן הר הזיתים,** (השואל; וואס פאר א סארט מענטש איז ער געווען?) **ער איז געווען א הויכער סארט מענטש! ער האט מקרב געווען "הונדערטער מענטשן" צום רבי'ן!**

[עא] עי' חיי מוהר"ן אות רל"ה.

[עב] "רבי צבי ב"ר פסח מ'טולטשין", עי' אודותיו בשיש"ק ח"ד אותיות תפ"ד - תפ"ו.

ער איז נפטר געווארן דרייצן טאג אין ניסן, א טאג פאר ערב פסח, רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט דערציילט פון איהם - ער האט געזאגט אז ער איז געווען בשעת ער איז נפטר געווארן, און אז ער ליגט אויפ'ן הר הזיתים.

(השואל; דאכט זיך ער האט געדרוקט דעם ליקוטי מוהר"ן), יא יא, ער איז געווען מיט'ן (ר' ישראל) קארדונער צוזאמען, זיי האבן געדרוקט צוזאמען, "צבי וויסליב" און "רבי ישראל קארדונער" (כך כתוב על שער הספר).

האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט "איך האב געוואוסט ווער ער איז, האב איך געזעהן מען זאל איהם מכבד זיין" - ביי זיין הסתלקות, איך האב געוואוסט ווער ער איז - זיין ערך!

(השואל; וועלכער יאר איז ער נסתלק געווארן?) איך ווייס נישט, אוודאי פאר תרע"ד! האט ער געזאגט אז זיין יארצייט איז י"ג ניסן.

*

צו קענען פארשטיין ווער ער איז געווען, וועל איך דערציילן א עובדא פון דעם אידן; ער האט געהאט א זוהן "יחיאל", "אבא'ס" טאטע, ער (- ר' יחיאל) איז געווען אן איידעם ביי רבי נחמן טולטשינער, רחל'ס מאן, און רבי הערשל (וויסליב הנ"ל) איז געווען אבא'ס א זיידע.

דער יחיאל (ב"ר הערשל וויסליב) האט געהאט א ברודער, ער האט געהייסן "עזריאל", און דער עזריאל האט מען איהם צוגענומען פאר א זעלנער, האט ער געדארפט דינען דעמאלט "פינף יאר - פיר יאר" פאר א זעלנער, נאך די חתונה האט מען איהם צוגענומען פאר זעלנער! (חשב ר' הערשל;) "זיין עזריאל וועט זיין א זעלנער פיר יאר, און ער וועט נישט האבן קיין בני בית? ווי קען דאס זיין אין דער וועלט"?!

איז ער געגאנגען, דארטן איז געווען עפעס א שטעטל וואו ער האט געדינט, האט ער גענומען - ער האט זיך ארויסגעצויגן דארטן! און ער האט ארויסגענומען זיין בני בית (כלתו - אשת ר' עזריאל) אהינצו דארטן - די ווייב - אין דעם שטעטל! עזריאל'ס ווייב, די שנור זיינער, אזוי איז ער געווען א אדם השלם די "פיר יאר"!

און דארטן איז איהם געבוירן געווארן צוויי קינדער - א זוהן מיט א טאכטער - אין די פיר יאר!

א עובדא פון א אידן, א איד א צדיק, "מיין זוהן זאל זיין א זעלנער פאר פיר יאר"? האט ער איהם ארויסגענומען זיין בני בית דארטן דערנעבן אין א שטעטעלע! ער האט געקענט אהיים קומען אויף שבת, האט שוין געקענט ארויספארן אינדרויסן, עסן אין שטוב!

דערנאך האט ער געזאגט - דאכט זיך - צום טאטע'ן; "טאטע, דו האסט ארויסגענומען די ווייב, און איך האב שוין קינדער, דארף מען זיי געבן אויף צו לעבן"! האט ער זיי שוין געגעבן אויף צו לעבן! ער האט שוין געמאכט גוט, האט ער געגעבן אויף צו לעבן, פרנסה אויף צו לעבן!

מען רעדט דאך א איד - האט אין זיך א געפיל פון אידישקייט, ווער טוהט אזא מין זאך?!

"מיינס א קינד וועט זיין א זעלנער פיר יאר? און נאך ביי ניקאליי דארטן"?! איז ער געווען א 'אדם השלם'.

*

(השואל; ווי אזוי איז ער נתקרב געווארן - דער רבי הערש וויסליב?) **דאס ווייס איך נישט.**

איך האב געהערט, ער איז געווען ביי זיך אזא מין צובראכענער מענטש געווען ביי זיך, אזא מין גארנישט, אזוי גארנישט געהאלטן פון זיך, אַן 'אסקופה הנדרסת' - דער רבי הערשל וויסליב.

(ר' נחמן בורשטיין; דאכט זיך אין אבני"ה ברזל שטייט, אז ס'איז געווען איינער "עקיבא מלמד", א מתנגד, א שטיקל משכיל אויכעט [בתחילה], אין דער רבי הערש וויסליב איז געווען זיינער א תלמיד, האט ער איהם געזאגט אזוי, "דאס וואס איר קריגט אויף חסידים - דאס האלט איך נישט מיט אייך, איך וויל יא מקורב ווערן, נאר זאגט מיר צו וועלכע חסידים איך זאל מקורב ווערן"? האט ער איהם געהייסן "די ברסלב'ער חסידים").[עג]

*

דאס איז אויך א זאך - ער איז געווען א 'מלמד' דער רבי הערשל וויסליב, ביי איינעם אין א שטוב, דארטן אין גאליציע, ער האט דאך באדארפט אויסהאלטן די שנור מיט דאס קינד (כנ"ל), האט ער זיך פארדונגען פאר א מלמד.

---

[עג] עי' סוף אבני"ה ברזל, בשו"ס מהר' נחמן טולטשינער ז"ל, ובשיש"ק ח"א אות תש"ג - תש"ד.

און דער 'בעל-הבית' - וואס ער איז געווען דארטן א מלמד - איז ער א פארנומענער מענטש געווען, פלעגט ער דאווענען אין שטוב 'ביחידות', ער האט נישט געדאוונט 'בציבור', אין שטוב און שוין!

איז איהם אמאל שלאַף געווארן עפעס א קינד דארטן, וואס די דאקטוירים האבן איהם מייאש געווען דעם קינד, ער האט געזעהן אז דער מלמד זיינער - ער איז עפעס א גדול, ער האט געזעהן דארטן זיינע געפירעכטץ, האט ער געזעהן אז דער מלמד איז נישט קיין פראסטער מענטש, איז ער צוגעגאנגען צו איהם און איהם געזאגט; "רבי הערש, דאס קינד איז אזוי שלאַף, און די דאקטוירים זענען איהם מייאש, וואס זאל ער טוהן"?

זאגט ער איהם אזוי; איך זאג אייך נישט קיין מופת, נאר זאגט צו דעם אויבערשטן אז "איר וועט דאווענען בציבור אלע טאג"! איז דאך עס א מצוה, וועט די מצוה מוזן מגין זיין אויף דעם קינד"! דאס איז דאך א מצוה, וועט די מצוה מוזן מגין זיין אויפ'ן קינד, וועט דאס קינד האבן א רפואה! ער האט איהם צוגעזאגט אז דאס קינד וועט ווערן געזונט!

וכך הוה, דאס קינד איז געווארן געזונט, און ער האט שוין אנגעהויבן דאווענען אלע טאג בציבור!

נאר ער האט זיך באווארענט פריער (ר' הערשל) - מען זאל נישט מיינען ס'איז עפעס א מופת, "איך טוה נישט קיין מופת! נאר ס'איז דאך א מצוה - דאווענען בציבור, וועט די מצוה מגין זיין אויפ'ן קינד ער זאל האבן א רפואה"!

(השואל; ער האט געהאט עפעס דריי קינדער?) **יא יא.**

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט שטארק געהאלטן פון איהם.

* * *

# אויב 'חסידות' - איז 'ברסלב'...

אין אומאן איז געווען אסאך וואס זענען געווען ווייט בכלל פון חסידות, זיי זענען געווען פון די ליטווישע דארטן, לומדים, האבן זיי אזוי געזאגט "אויב חסידות - איז ברסלב"! זיי האב געזאגט פארוואס - ווייל זיי דאווענען בזמנו, זיי היטן אפ דעם זמן

**פון קריאת שמע, פון תפלה, און מנחה! "אויב חסידות" - זיי זענען געווען ווייט פון חסידות, אבער "אויב חסידות" - זאגט ער - "איז ברסלב"!**

(אחד מהנוכחים; ער זאגט - רבי הירש לייב [ליפל] - אז דער חפץ חיים האט איהם אויך געהייסן אזוי! דער חפץ חיים איז געווען איןווארשע, דער איידעם פונעם חפץ חיים האט געוואוינט אין ווארשע) **יא, רבי הירש!** (האט איהם הירש לייב געפרעגט, וואס פאר א חסידות זאל ער זיך מקרב זיין? האט איהם דער חפץ חיים געהייסן "צו ברסלב, ווייל זיי היטן שולחן ערוך"!)

**זיי פלעגן אזוי זאגן "אויב חסידות - איז ברסלב! זיי היטן שולחן ערוך"!**

*

**דער "חפץ חיים" האט געזאגט אמאל צום גער'ער - דער פריערדיגע גער'ער** (האמרי אמת) **זכרונו לברכה, ער איז געווען אין גער - דער חפץ חיים, ער האט אנגעקוקט די ישיבה פונעם גער'ער, ער האט געפירט א ישיבה פון הונדערטער תלמידים, אלע זענען געגאנגען מיט פיאות, מיט גארטלען, זאגט ער** (החפץ חיים)**; "איך בין אייך מקנא, מיין ישיבה גייען זיי טשופיקעס, און ביי אייך גייען זיי אלע פיאות מיט גארטלען, איך בין אייך מקנא"!**

**ער איז געווען א איש אמת, ער האט עס נישט געקענט אויספירן, ער איז געווען זייער א גוטער מענטש, האט ער נישט געקענט מרחק זיין זיי, און ער האט נישט געקענט זאגן זיי אזוי, אבער אזוי איז געווען!**

**ער האט געזעהן א ישיבה פון גער, מיט די פיאות מיט גארטלען, מיט א אידישקייט, האט ער געזאגט "איך בין אייך מקנא".**

(אחד הנוכחים; ער האט געזאגט אזוי סוף ימיו, "אז ער איז מודה אז די חסידות האט געראטעוועט אידישקייט") **יא יא, אוודאי, אוודאי אזוי!**

*

**זיי זענען אמאלביידע געפארן אמאל אין די באן, די ביידע - דער חפץ חיים מיט'ן פריערדיגן גער'ער רבי אברהם מרדכי, אז מען פלעגט קומען צו א סטאנציע, פלעגט זיך אפשטעלן די באן, פלעגן שטיין טויזנטער מענטשן אוןווארטן זיי זאלן אנקוקן ביידע, אז דער גער'ער פלעגט שטיין ביים פענסטער, און דער חפץ חיים האט נישט**

געוואלט שטיין ביים פענסטער, "וואס זאל איך גיין צום פענסטער? מען זאל מיך אנקוקן?! מען זאל געבן כבוד מיר"?!

האט זיך אנגערופן דער חפץ חיים צום גער'ער; "ווי קענט איר צוגיין צום פענסטער, מען זאל אויף אייך קוקן? ס'איז דאך עפעס א געוואלד, טויזנטער מענטשןווארטן אויף אייך און אנקוקן אייך – ווי קענט איר דאס טוהן? ווי קענט איר דאס טוהן אזא מין זאך"?! האט איהם דער גער'ער געענטפערט; "מיר האבן זיך שוין לאנג מפקיר געווען - אבי א טובה טוהן א אידן"!...

האט ער איהם געפאלגט, און ער איז אויך צוגעגאנגען צום פענסטער, ווארום דער ווארט איז איהם געפאלן - וואס ער האט געזאגט "מיר האבן זיך שוין לאנג מפקיר געווען" – אזוי ווי איינער זאגט - "ווי קענסטו טוהן אזא מין זאך? נאר אז יענער האט א הרהור תשובה וואס זאל איך טוהן?! "גיי איך צו"! "מיר האבן זיך שוין לאנג מפקיר געוועזן - אבי א טובה טוהן א אידן"! האט ער איהם געפאלגט, און אויך צוגעגאנגען צום פענסטער.

*

"מתתי'"[עד] האט געלערנט ביי איהם אין די ישיבה, (השואל; פאר ברסלב?) אוודאי פאר ברסלב! ער האט געלערנט ביי איהם אין די ישיבה, דאכט זיך מיר - נאך בחור'ווייז, ער האט געלערנט "אכצן שעה" – האט ער געלערנט - מתתי', אכצן שעה!

און דער עסן זיינס איז געוועזן 'מינוטן', און דאס שלאפן זיינס איז געווען געוואלדיג, שלאפן מיט עסן מיט א מקוה מיט אלדינגס האט געדויערט דארטן (בזריזות נפלאה), (השואל; ער האט זיך געפירט חסידי'ש?) יא!

האט ער געלערנט ביי איהם אין די ישיבה, א געוואלדיגער למדן איז ער געוועזן, נאר ער איז אוועק פון די ישיבה - ווייל ער האט נישט געקענט פארליידן דעם כבוד וואס דער חפץ חיים האט איהם אנגעטוהן! דער חפץ חיים האט איהם אזא כבוד אנגעטוהן – מתתי'ן – אז ס'איז א געוואלד, איז ער זיך אוועק! "איך האב נישט געקענט פארליידן דעם כבוד"!

[עד] רבי מתתי' הכהן ברזסקי ז"ל, מגדולי אנ"ש באומאן.

האט ער אמאל געזאגט (החפץ חיים); "מתתי', דו ווערסט נישט אויספירן, ס'איז צופיל, דו דארפסט אפהיטן"!

נו, מתתי' איז געווען א אנדערער סארט מענטש, און איז אוועק פון איהם! זאגט ער; "איך האב נישט געקענט פארליידן דעם כבוד וואס ער האט מיר געגעבן"!

(השואל; ער איז גלייך געפארן קיין אומאן פון דארטן?) ניין, ער האט חתונה געהאט, אין 'ראדזימין' איז ער געווען, ער האט געוואוינט אין 'ראדזימין'!

(השואל; ער איז געווארן א מלמד שפעטער?) א מלמד? וואו עפעס א קינד פון שטאט - האט ער געלערנט מיט איהם! ער האט געהאט אלע יארן קינדער, נאר געלט האט ער נישט גענומען דערפאר! האט דער שווער געשריגן; "איך האב דיר גענומען פאר א למדן, לערנסטו דארטן מיט אלע שלעפער'ס, קינדער ארימעלייט"! ער האט געהאט געוואלדיגע רדיפות, נו מתתי', מתתי'!

*

## 'רבי אברהם דזארגובסקי ז"ל'

(רל"י פונה לרבי משה בינענשטאק שליט"א); מתתי' איז געווען דיין שוויגער'ס (הרבנית געלבאך תחי') א פעטער, מתתי'ן ווייב איז געווען דעם שווער'ס (רצ"ל חותנו של רי"צ געלבאך, ה"ה רבי אברהם דזארגובסקי ז"ל) א שוועסטער.

(השואל; אברהם דזארגובסקי איז מקורב געווארן פון איהם טאקע?) יא! אברהם איז געווען א זעלנער ביי ניקאליי, ער און 'אהרון' - 'חֲכַם אהרון',[עה] ער ליגט טאקע אין מירון, זיי ביידע זענען געקומען צו פארן קיין אומאן, איך געדענק - די צוויי הויכע זעלנער, שיינע זעלנער, מיט בענדלעך אזוי, מיוחסים - דער אברהם און ער 'אהרון', (השואל; מיט בערד אויך?) דאכט זיך מיט בערד'ליך אויך, געקומען צו פארן שיינע בחורים, און אברהם איז געווען א למדן, אברהם האט געקענט אסאך לערנען, ער איז געווען מתתי'נס שוואגער.

ער האט גארנישט געוואוסט אינגאנצן פון ברסלב - דער אברהם, נאר ער האט א שוועסטער, איז ער געקומען צו פארן ביי די שוועסטער, פשוט, מתתי'נס ווייב איז געווען זיינער א שוועסטער.

---

[עה] רבי אהרן גבריאלוב ז"ל, מוצאו ממחוז קאווקאז, ונתקרב לאנ"ש, כמסופר כאן.

איז געקומען 'אהרון' אויך מיט איהם, געקומען קיין אומאן, האט ער זיך גלייך - געזעצן און געלערנט - דער אברהם, געלערנט גמרא מיט תוספות, א איד זיצט און לערנט געשמאק, ער קען לערנען! (השואל; ער איז שוין באפרייט געווען?) יא, ער איז שוין געווען באפרייט!

איך בין דעמאלטס געקומען פורים, בין איך געווען דעם פורים אין אומאן, דאס איז געווען תרע"ח (השואל; נאך רבי אברהם ר' נחמן'ס הסתלקות?) אוודאי, רבי אברהם איז נסתלק געווארן ערב ראש חודש טבת.

דאס איז געווען פאר פורים, איך בין אנגעקומען, האב איך געזעהן די ביידע, און איך בין געקומען נאכדעם, האב איך שוין געהערט אז "רבי געצע"[ע] האט איהם געגומען פאר אן איידעם - דעם אברהם'ען! ער איז געווען א תלמיד חכם, און ער האט געזעהן ווער ער איז, האט ער איהם גענומען פאר אן איידעם.

אין די נאכט פון 'בדיקת חמץ' איז געווען די חופה, און רבי געצע איז געשטאנעןביים פענסטער - צו אינדרויסן - געקוקט צו די חופה, ער זאל זעהן די חופה, ער האט געזעהן דאך אז ער האלט שלעכט (היה חולה מאוד), רבי געצע האט געזעהן די חופה דורכ'ן פענסטער! דאס איז געווען תרע"ח, און 'שביעי של פסח' איז ער נפטר געווארן.

*

# 'חבל על דאבדין'...

(רבי נחמן בורשטיין ז"ל; איר האט אמאל דערציילט אז ס'איז געווען עפעס פאר'ן הסתלקות פון רבי אברהם ר' נחמן'ס?) רבי געצע איז געגאנגען מבקר חולה זיין רבי אברהם ר' נחמן'ס, רבי אברהם ר' נחמן'ס איז דאך נפטר געווארן פריער, פאר רבי אברהם איז אוועק - האט ער איהם שטארק געהאלטן דער האנט לאנג, און נישט אפגעלאזט דער האנט, האט געזאגט רבי געצע; "איך האב זייער מורא וואס רבי אברהם האט מיר אזוי שטארק געהאלטן דער האנט"!

[ע] רבי געצע ליובאוונע ז"ל, מגדולי אנ"ש באומאן.

(השואל; זיי זענען געווען נאנטע חבירים "רבי מרדכי" מיט "רבי געצע"?) יא, זיי זענען געווען צוויי חברים! ער האט אויך שטארק געהאלטן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס - רבי געצע, נאר דעם ביטול וואס אנדערע האבן געהאט - (לא היה בו כ"כ כמו שאר המקורבים).

נאכדעם - רבי געצע האט נאך געלעבט נאך עטליכע חדשים נאכ'ן הסתלקות פון רבי אברהם, טבת, שבט, אדר, ניסן.

רבי געצע איז שלאַף געווארן, איך האב געליינט דער מגילה פאר איהם - פאר רבי געצע אין שטוב, ער האט געליטן אויף די לונגען, ער איז געליגן אויפ'ן בעט, און איך האב איהם געליינט די מגילה - פורים איז ער שוין געווען שלאף!

נאר די עטליכע חדשים (אחר פטירת רבי אברהם) איז ער נאך געווען נישט קשה, און "ישראל כהן" האט אנגעהויבן רעדן פונעם רבי'ן - ער האט דאך געהערט פון רבי אברהם'ן! איז געשטאנען "רבי געצע" און "רבי שמשון", און זיי האבן געהערט, ער איז געווען א קוואל, א קוואל! ער האט אנגעהויבן רעדן, ער האט גערעדט מיט יראת שמים, און ער איז געווען א איד א צדיק, א גרויסער ירא שמים, און ער האט גערעדט מיט יראת שמים, א געוואלדיגער איש אמת איז ער געווען, ער האט זיך געהיט מיט א ווארט!

אלע האבן איהם ליב געהאט, ווייל ס'איז נישט געווען קיין שום מענטש וואס ער זאל עפעס פוגע זיין א כבוד פון איינעם! ער האט זיך זייער געהיט דערפון, ממילא האבן זיי איהם ליב געהאט!

און נאכדעם האבן זיי געהאטביידע חרטה! ווייל "די דיבורים האבן מיר דאך געקענט הערן פון רבי אברהם'ן אליין! פארוואס דארפן מיר הערן פון א צווייטע מויל? מיר האבן געקענט הערן פון רבי אברהם אליין - געקענט הערן דיבורים"!

רבי אברהם ר' נחמן'ס איז דאך געווען א קראנקער מענטש, און ער איז געווען - "ווילסט הערן - הער, אז נישט - נישט"! שוין, אבער "ישראל" אז ער האט אנגעהויבן רעדן האט ער דאך 'גערעדט', און ער האט גערעדט מיט אנדערע כוחות, ס'האט זיך גערעדט, און ער האט גערעדט! זענען זיי געשטאנען ביידע און זיי האבן געהערט, זיי האבן געהערט ווי ער רעדט אזוי! (ר' נחמן; ער איז אינגאנצן געווען איין און צוואנציג יאר?) יא, איין און צוואנציג!

*

# 'רבי ישראל כהן ז"ל הי"ד'

א פלא'דיגע זאך, בשעת ס'איז געווען - "רבי חיים שבתי'ס"[עז] האט שוין געהאט פאר איהם א דירה - פאר "ישראל כהן" עליו השלום, ער האט איהם געזאגט אז ער נעמט איהם ארויס קיין אומאן פון באברינייץ, און ער וועט איהם אויסהאלטן מיט פרנסה כסדר אלעס! (השואל; וואס האט ער געהאט עפעס אזא ביטול פאר איהם?) ער האט געהאט פאר איהם א געוואלדיגער ביטול - פאר ישראל כהן עליו השלום האט ער זיך אוועקגעלייגט, ער האט א געוואלדיגן געפיהל אין איהם געהאט!

איז ער געפארן אויף דעם אופן - ארויסנעמען די פאמיליע, און ברענגען זי וואוינען אין אומאן, און נעבעך אויפ'ן וועג האט מען איהם גע'הרג'עט!

*

ער האט געוואוינט אין באברינייץ, ער איז געווען אן איידעם אין באברינייץ, זיין שווער האט געהייסן 'נתן' ער איז געווען רבי יקותיאל'ס א זוהן - רבי "יקותיאל טירהאוויצער", דער "רבי יקותיאל" און "רבי יצחק בער" זענען געווען צוויי ברידער,[עח] און נתן - ישראל כהן'ס שווער - איז געווען רבי יקותיאל'ס א זוהן.

און דער נתן האט געזאגט 'גרויסקייטן' פון זיין איידעם! ער האט דערציילט גאר גרויסקייטן, געוואלדיגע גרויסקייטן פון זיין איידעם, עפעס - א הויכער סארט מענטש!

ער האט דערציילט אין אומאן, איך האב איהם געקענט (- נתן), איך האב געקענט איהם, איך האב געקענט זיינע קינדער אויך.

(רבי נחמן בורשטיין; ס'איז דא אין די מכתבים פון רבי נחמן טולטשינער, שרייבט ער דארטן "ובקשתי לומר בגיני שלום לשאר בשרי האברך הרב נתן בן יקותיאל נרו יאיר", דער איז עס?),[עט] אה,

---

[עז] מחשובי אנ"ש באומאן, אביו רבי שבתי היה חתנו של רבי חיים הכהן סטאלער מתלמידי מוהרנ"ת המסופר כאן בהמשך.

[עח] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת, ע' אודותם בשיש"ק ח"ג אותיות שע"ט - שפ"ד, ועוד.

[עט] ע' עלים לתרופה - מכתבי רבי נחמן טולטשינער, מכתב ב' - ו'.

דער יקותיאל איז געווען דעם "יחזקאל העשיל'ס"[פ] א שוואגער, יענער איז געווען א בעל מנגן, דאס איז א אנדערע יקותיאל.

נאר דער נתן איז געווען א טייערער איד, האט ער דערצילט פון זיין איידעם, זאגט ער; מיין איידעם איז אזא הייליגער מענטש, אז ער האט מיך געפרעגט (אחר נישואיו) "צו זי איז א הויכע צו זי איז נישט א הויכע" - האט ער געפרעגט, ער זאל זאגן צו אייער טאכטער איז א הויכע צו נישט! מיין איידעם איז א הייליגער מענטש, ער דארף מיך פרעגן צו זי איז א הויכע צו נישט! האט ער דאס דערציילט פאר א שבח ווער זיין איידעם איז.

(השואל; ער האט עס שפעטער דערציילט, אדער בחייו?) ניין, ער האט עס פריער אויך דערציילט!

ער האט אויך געזאגט; "מיין איידעם האט נישט קיין שום שייכות מיט באבריניץ, דארטן איז נישט זיין פלאץ, דארטן איז נישט זיין פלאץ"!

נו, און האט זיך חיים שבתי'ס מנדב געווען זיך, אז ער האט געזאגט איז געווען געזאגט, ער האט איהם געגיבן, ער האט געהאט א אייגענע הויז - חיים, ער האט איהם געגעבן א וואוינונג אין זיין הויז! און ער וועט איהם אויסהאלטן מיט פרנסה בכבוד - אלע וואך איהם געבן פרנסה וויפיל ער דארף! און שוין, און אפגערעדט אזוי, און פארט קיין אומאן, ארויסגעמען די פאמיליע אהין, נו.

*

# "מיר האלטן פארמאכט דאס מויל"...

(רבי נחמן בורשטיין; און יענער רבי ישראל הכהן ער איז געווען אן איידעם ביי "רבי נתן לייבעלע ראובן'ס"?) יא, ער ברענגט דארטן אין די מכתבים "חתני רבי ישראל",[פא] ער איז געווען "רבי חיים סטאלער'ס"[פב] א זוהן.

(רבי נחמן בורשטיין; ביי איהם איז געווען - דאכט זיך מיר - די מעשה מיטן שלום זכר) יא יא.[פג]

---

[פ] מחשובי אנ"ש, כמה ממכתבי רבי נחמן טולטשינער מופנים אליו.

[פא] עי' נתיב צדיק מכתב כ"ז.

[פב] מתלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

[פג] עי' שיש"ק ח"ה אות רצ"ג שבזכות השתתפותו בשמחה ניצול משפחה שלימה מסכנה ה"י.

(השואל; ווער איז געווען די מעשה מיט'ן מנין?) **דאס איז געווען ביי "רבי נפתלי'ן",[פד] "רבי חיים כהן"** (היינו ר' חיים סטאלער הנ"ל) **איז שוין געווען א מקורב, ער איז געווען נאך ביי רבי נתן'ען!**

- פאר רבי נפתלי האט אויסגעפעלט א מנין, א 'צענטער', און א 'לוי', ער האט נישט געהאט קיין 'לוי' און נישט געהאט קיין 'צענטער', איז איינער געווען - א 'לוי', און ער האט נישט געהאט קיין קינדער - דער 'לוי', האט יענער איהם אזוי געזאגט; "גיי זאג רבי נפתלי'ן - אז ער וועט מיר צוזאגן א קינד וועל איך אריינקומען דאווענען - וועל איך זיין א צענטער"!

האט ער איהם צוגעזאגט, ער האט דאך נישט געהאט קיין ברירה, ער האט דאך געמוזט האבן א מנין, האט ער צוגעזאגט א קינד, שוין.

ס'איז אוועקגעגאנגען א שטיקל צייט, ער האט נאכנישט געהאט קיין קינד, האט ער געזאגט צו רבי חיים סטאלער; "ער האט דאך מיר צוגעזאגט, פארוואס ווערט עס נישט מקוים"? האט ער געזאגט צו רבי נפתלי, זאגט ער אזוי; "**מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן - מיר זאלן האלטן פארמאכט דאס מויל, מיר זאלן נישט רעדן! נאר אז מיר זאגן - ווערט מקוים"!**

"מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן - מיר זאלן נישטווארפן זיך - דאס מויל האלטן פארמאכט![פה] אז זאגן מיר? ווערט מקוים"! דער עיקר - ער האט געהאט קינדער.

*

וואס רעדן מיר דא? אז די אלע גרויסקייטן פון אונזערע לייט - זיי האבן געדענקט - "דאס מויל דארף מען האלטן פארמאכט, נישט ווארפן זיך מיט קיין גרויסקייטן"!

ממש - ס'איז געווען ממש אזוי ווי - ס'איז א 'שולחן ערוך' איז דא, א לימוד 'שולחן ערוך' אין הלכות - איז געווען א לימוד ווי אזוי אונזערע מענטשן האבן זיך געפירט!

דער 'דרך ארץ' איז געווען געוואלדיג גרויס, געוואלדיג גרויס - ביי די זקנים - אזא מין דרך ארץ איינער פארן צווייטן!

---

[פד] ה"ה תלמיד רביז"ל.

[פה] עי' בשיחות הר"ן אות קפ"ו.

איך בין געקומען קיין אומאן, זעה איך אז דער רופט איהם 'איר', 'איר'! אין פוילן - א אינגל 'דו' 'דו' 'דו'! זאגט ער מיר (אנ"ש באומאן); "ניין, ביים רבי'ן גייט דרך ארץ"![פו] דרך ארץ ביים טיש, מען האט געזעהן נאר דרך ארץ אזוי גרויס, נוהג כבוד געווען מיט'ן רעדן, נישט טשעפענען איינעם דעם צווייטן, איינעם מבזה זיין!

מען רעדט דאך, איך בין געוואקסן אין 'פוילן', צווישן חסידים, האב איך געזעהן חסידים, איי...

*

# "דרך הבעל שם טוב"!

ביים "בעל שם הקדוש" איז אויך געווען אזוי - אזוי ווי ס'איז געווען ביים רבי'ן! נאר ס'האט זיך אויסגעלאזט דאס, ס'איז געווארן געביטן שטארק, און ביים רבי'ן האט זיך נישט אויסגעלאזט!

ביים בעל שם הקדוש איז געווען די וועג פון 'התבודדות'! און דער וועג פון 'חצות'! 'ותיקין' האט מען געדאווענט בין בקיץ בין בחורף! מען פלעגט שארן די פענסטער (מהשלג לראות אם כבר האיר השחר), מען פלעגט שארן די שויבן כדי צו לייגן דעם טלית, אזוי ווייט איז געווען!

איז דאך ממש געווען אזוי ווי ביים רבי'ן! ביינאכט - ארויסגעגאנגען אין פעלד אריין, און 'חצות', און 'התבודדות', און 'תפילה בכוונה'!

נאר וואס דען - שפעטער האט זיך געגעבן א רוק, ביי די צדיקים האט זיך געגעבן א רוק, און ביים דעם רבי'ן נישט!

*

(השואל; און די שיטה פון 'דאווענען שנעל' וואס מען האט געפרעגט רבי נתן'ן, ס'איז אויך געווען עפעס א שיטה ביי חסידים? אויך זיך אנגעהויבן שפעטער?) אוודאי האט זיך עס אנגעהויבן שפעטער! די חסידים זאגן אז "אזוי ווי ס'כאפט זיך אריין א 'מחשבה זרה' - אז מען דאווענט שנעל (אין נותנים זמן למחשבות הזרות)"!

[פו] עי' חיי מוהר"ן אות תקט"ו, ועי' שיש"ק ח"ג אות ע"ד.

**האט רבי נתן געענטפערט; "מען קען מיט 'איין מחשבה זרה' איבערגיין דעם גאנצן דאווענען"! אז איך דאווען** (בנחת) **האב איך כאטש דעמאלטס א מחשבה טובה אויך! אבער מיט א 'כאפ' קען מען מיט איין מחשבה איבערגיין דעם גאנצן** (דאווענען)**!**[פז] - - - (חסר ההמשך)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אהרן משה לייפער** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו נחמן שמעון נ"י למזל טוב**

מוה"ר **יצחק זאב שווארטץ** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **זונדל פיש** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **נתן פיש** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**

מוה"ר **משה מאיר זילבערשטיין** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בנו הבה"ח כמר יעקב נ"י למזל טוב**

מוה"ר **יואל לוי ניימאן** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למזל טוב**

מוה"ר **יואל מענדלאוויטש** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אליהו פדווא** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת<br>ר' **אברהם** ע"ה ב"ר **משה דוד** הי"ו<br>נלב"ע א' דר"ה תשע"ט,<br>תנצב"ה

---

[פז] עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל אות כ"ה, (אולם עי' גם על"ת מכתב תל"ג, ואכמ"ל).